בעזרת השם יתברך

גליון

# באור החיים

**פרשת בראשית תשפ"ז**
גליון תת"ק

יוצא לאור ע"י

# איחוד
חסידי
טאהש

הגליון נתנדב

לע"נ הרב החסיד ר' **אלקנה מאיר**
בן ר' **אשר ענזיל הלוי** ע"ה **קרויס**
יארצייט ביום השב"ק - כ"ט תשרי

**פרנס פעולות האיחוד**
לחודש תשרי

הרה"ח ר' **משה שמואל ראטטענשטיין** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **דוד מנשה** ב"ר **שמואל** ע"ה
יארצייט ביום ט' תשרי הבעל"ט

נא שלא לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה

# לוח לימודים

בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת נח =

| | ז' עמודים - מסכת מנחות | | ה' עמודים - מסכת סנהדרין | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בראשית | דף נא: | דף מח. | חזרה | חזרה |
| זונטאג ראש חודש חשון | דף נב. | דף מח: | דף נג. | דף מט: |
| מאנטאג ראש חודש חשון | דף נב: | דף מט. | דף נג: | דף נ. |
| דינסטאג | דף נג. | דף מט: | דף נד. | דף נ: |
| מיטוואך | דף נג: | דף נ. | דף נד: | דף נא. |
| דאנערשטאג | דף נד. | דף נ: | דף נה. | דף נא: |
| עש"ק | דף נד: | דף נא. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' תולדות
חבורת ז' עמודים - מח: – סב.
חבורת ה' עמודים - נא. – ס.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו


718.451.8674 – 514.500.8674
0.333.015.0715 – 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות | מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים | מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

פרנס השיעורי תורה
על 'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט

לנדב נא לקרוא להמערכת

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך
בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן




# יומא דהילולא

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ב' חשון | הרה"ק רבי יהודה בן רבי אברהם הלוי זצ"ל - וויינגארטן<br>חותן המלך רבינו הקדוש זי"ע | תשל"ג |
| ב' חשון | הרה"ק רבי יוסף בן רבי מרדכי דוד זי"ע - מ'דאמבראווא | תרכ"ז |
| ג' חשון | הרה"ק רבי אליעזר בן רבי נפתלי צבי זי"ע - מ'דזיקוב | תרכ"א |
| ג' חשון | הרה"ק רבי ישראל בן רבי שלום שכנא זי"ע - מ'רוזשין | תרי"א |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"ט תשרי | הרב החסיד ר' אלקנה מאיר בן ר' אשר ענזיל הלוי ע"ה קרויס<br>גבאי ועמוד התווך דבית מדרשינו במאנטריאל | תשע"ד | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| כ"ט תשרי | הרב החסיד ר' אברהם יצחק בן ר' משה ע"ה סאנדעל | תשפ"א | ביה"ח בקרית יואל |
| כ"ט תשרי | הגה"צ רבי יושע צבי בן הרב אלעזר ארי' זצ"ל יונגרייז<br>אב"ד טאלטשאווא | תשפ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| ל' תשרי | הרב החסיד ר' אברהם אלי' בן ר' משה ע"ה פרידריך | תשמ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| ל' תשרי | הרב ברוך יהודה בן הרה"ג ר' שלום ע"ה שניצלער | תשפ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| ל' תשרי | האשה החשובה מרת מירל בת ר' שמעון ע"ה | תרצ"ט | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ב' חשון | הרב החסיד ר' יוסף מרדכי בן ר' מתתיהו הכהן ע"ה קאהן | תש"ע | ביה"ח בקרית יואל |
| ב' חשון | האשה החשובה מרת רבקה בת ר' יעקב ע"ה לאנדעסמאן | תרמ"ה | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| ה' חשון | האשה החשובה מרת חנה בת הרה"ג קלונימוס קלמן הכהן ע"ה הערשקאוויטש<br>אשת הרה"ח ר' דוד ע"ה | תשס"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ה' חשון | האשה החשובה מרת גיטל בת ר' צבי ע"ה | תרע"ט | ביה"ח בטאהש אונגארן |

ת ה א נ ש מ ת ם צ ר ו ר ה ב צ ר ו ר ה ח י י ם


יוצא לאור ע"י
איחוד חסידי טאהש

P: 718.451.8674 #80 F: 845.610.8674
11 VAN BUREN DR. #205 MONROE N.Y. 10950

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו
גליון באור החיים | להתאחד בחורי טאהש | קול איחוד טאהש | חברה ש"ס | מתאחדת בלעטל | טעלעפאון ביכל | פרנסה ביחד | ולויים בדוכנם

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג

# באור פני מלך

פניני עבודת עבודה על פרשת השבוע

המדור נתנדב ע"י הרב **אליעזר פיש** שליט"א (קרית יואל)
לרגל שמחת **הולדת בנו** למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## בשב"ק מגלה הקב"ה שוב את האור אין סוף

### ויכל אלקים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה.

דקדקו חז"ל על זה (ב"ר י' ט') מובא ברש"י הק' (ד"ה ויכל) דהלא בששי נגמרה הבריאה ולא בשביעי, ומהו ויכל אלקים ביום השביעי, ותירצו ז"ל, מה היה העולם חסר, מנוחה, באת שבת באת מנוחה, כלתה ונגמרה המלאכה, יש להבין הענין בזה, למה נקראת המנוחה בשם מלאכה, שעליה כתיב ויכל אלקים ביום השביעי "מלאכתו", הלא מנוחה אינה מלאכה, אלא העדר עבודה ומניעת עשיית מלאכה.

וביאור עומק הענין בזה, מבואר בספרים הק', כי ידוע (ע"ח שער א' ענף ב') דבעת שעלה ברצונו הפשוט יתברך לברוא את העולם, הסתיר את אורו אור אין סוף ב"ה, בלבושים וצמצומים רבים, צמצום אחר צמצום, כדי שיוכלו להתהוות ברואים גשמיים, ועל ידי זה נבראו כל הברואים על מכונם, ובהגיע יום הששי, אחר שנגמרה כל הבריאה, ראה הקב"ה, כי מרוב הצמצומים נתגבר כח ההסתר בעולם עד למאוד, ובאופן זה יהיה קשה מאוד להאדם להתדבק אליו יתברך, ולהגביר כח הטוב על גודל כח הרע השולט בעולם, לכן כאשר הגיע יום שבת קודש, חזר הקב"ה להאיר בכל הבריאה אור גדול מאור אין סוף ב"ה, ואור זה הוא בחינת נשמת רוח חיים, דהיינו נשמה ואור רוחני בלי צמצום, כדי שעל ידי כח האור הלזה, יוכל האדם להתדבק באורו יתברך ובחלק הטוב.

ובזה יובן מאמרם ז"ל מה היה העולם חסר, מנוחה, באת שבת באת מנוחה, כי ענין "מנוחה" מרמז, להתגלות אור אין סוף ב"ה בלי הסתר וצמצום, שהאור הזה בא ע"י שהקב"ה נח ושבת מן הצמצומים שעסק בהן בששת ימי המעשה, וזהו שאמרו, מה היה העולם חסר, מנוחה, כי אחר שנברא העולם בצמצומים הרבים, עדיין היה חסר כח המנוחה, דהיינו כח הנשמה והתגלות האור, שבלתי כח זה לא היה אפשר לאדם להתקרב אל הבורא ולהתדבק אל הטוב.

לכן ביום הששי עדיין לא נגמרה הבריאה אלא ע"י שבת ועל זה נאמר, ויכל אלקים ביום השביעי "מלאכתו" כי כח המנוחה הוא בריאה ומלאכה בפני עצמה, מה שהקב"ה חזר והפיח מאור אין סוף ב"ה בכל הבריאה ורק אחר מלאכה זו כלתה ונגמרה הבריאה בשלימות ביום השביעי.

(עבודת עבודה דב"ק בראשית)

## כל דבר טוב יש לו ניגוד

### ויהי ערב ויהי בוקר

מעת הבריאה סידר הקב"ה כך את העולם, ששלימות של יום אחד הוא כאשר יש בו ערב ובוקר, שישנם גם זמני חשכות שאין האור נראה אז, וכן כל דבר, הוא שלם כאשר יש לו חשכות, כמו כן יש לאדם תאות המונעת מעבודת ה', והוא צריך להתגבר על הניגוד, לעשות נגד התאוה ונגד הטבע, ולעמוד על המשמר, לשמור פיו, עיניו, ואזניו, וכל אבריו בקדושה ובטהרה.

ובזה פירשו בספרים הק' את הכתוב שויתי ה' לנגדי תמיד, שויתי ה', כשאני משווה ומשים את ה', לנגדי תמיד, יש לי תמיד כח הניגוד המפריע אותי, והעצה לזה, כי מימיני, שאהיה דבוק אל התורה, שנקראת ימין, ובכח זה בל אמוט, ואזכה לנצח את כח המנגד.

(עבודת עבודה פתג"ק תולדות)

## שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן
מתורתו של כ"ק מרן
רבינו הקדוש זיעועכי"א

**מה אהבתי תורתיך, אז איך האב נאר עפעס ליב דיין תורה, איז שווין כל היום היא שיחתי, לערן איך איר א גאנצע טאג.**

(שפת"ק תצא אות ג')

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור נתנדב ע"י הרה"ח ר' **ליפא פרידריך** הי"ו (קרית יואל)
לע"נ אביו הרה"ח ר' **אברהם אלי'** בן ר' **משה** ע"ה
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דער אייבערשטער האט מצמצם געווען די אור אין לבושים כדי אז איינער וואס הארעוועט אויף אידישקייט זאל קענען נהנה זיין דערפון

**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ וגו', ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור**, חז"ל זאגן כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער און והיה איז א לשון שמחה, דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט דא "ויהי" אור א לשון צער, די התגלות האור איז דאך געווען א שמחה, וואלט געדארפט שטיין "והיה" אור.

זאגן די ספרים הק', ווייל נאך די בריאה האט דאך דער אייבערשטער צוריק באהאלטן דעם אור פון ששת ימי בראשית, ווי חז"ל זאגן אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צופה בו מסוף העולם ועד סופו, כיון שנסתכל הקב"ה בדור המבול ובדור הפלגה, וראה שמעשיהם מקולקלים עמד וגנזו, דער רבוש"ע האט אבער געוואלט, אז דער וואס וועט זיך מזכך זיין און הארעווען אויף א עבודת ה' זאל יא קענען שפירן דעם אור הגנוז, ממילא האט ער נישט אינגאנצן אוועקגענומען און באהאלטן דעם אור, ער האט דאס נאר מצמצם געווען אין לבושים, אז די רשעים זאלן נישט קענען הנה זיין דערפון, אבער דער אור איז ווייטער דא, און דער וואס הארעוועט אויף אידישקייט, קען צוקומען דאס צו שפירן, פארדעם שטייט דא "ויהי" אור נישט "והיה" אור, ווייל "ויהי" ווייזט אויפ'ן צער פונעם צמצום, וואס דער אייבערשטער האט מצמצם געווען דעם אור אין לבושים.

מיט דעם זאגן די ספרים הקדושים פשט אויף דעם וואס מ'זאגט אין די פיוט פון ברכת יוצר אין די הייליגע טעג, אור עולם באוצר חיים אורות מאופל אמר ויהי, "אור עולם באוצר חיים", דער אייביגער אור פון ששת ימי בראשית, האט דער אייבערשטער באהאלטן אין א אוצר, אבער "אורות מאופל" דער אייבערשטער האט דאך געוואלט מ'זאל קענען נהנה זיין פון דעם אור אין די פינסטערניש פון דעם עולם, ממילא האט ער דאס נישט אינגאנצן אוועק גענומען און באהאלטן, נאר אמר ויהי, ער האט געזאגט ויהי אור, וואס ויהי איז א לשון צער וואס ווייזט אויף דער צמצום, דער אייבערשטער האט נאר מצמצם געווען דעם אור אין לבושים, אז אויב מ'הארעוועט אויף אידישקייט זאל מען יא קענען נהנה זיין דערפון.

(עבו"ע אמ"ק)



# ניצוצי קודש

תוכן דברות קודש ששמענו מאת

## כ"ק מרן רבינו שליט"א

**תוכן דא"ח שבת בראשית תשפ"ו**
**בעת רעוא דרעוין**

קיימים אנו עתה בזמן נעלה, בעת רעוא דרעוין, בשבת הראשונה שבת בראשית.

ומה שאומרים בכל שבת ושבת, "זכרון למעשה בראשית", קאי במיוחד על שבת זו, שבת בראשית, שבה שבת הקב"ה מכל מלאכתו. ועכשיו, בהאי עת רצון ונשגב, לאחר הימים הנוראים, לאחר שטיהרו בני ישראל את עצמם, ולאחר שהרבו בתפילה ובבקשה, מצפים אנו שתתקבל תפילתנו ברחמים וברצון, ובשעה זו צריכים אנו לראות להמשיך הלאה בתפילתנו ובעבודתנו, ולא להסתפק במה שכבר זכינו לו.

אאמו"ר רביה"ק זי"ע מביא מספר יצירה שיש ענין של "נעוץ סופו בתחילתו", לנעוץ סוף התורה בתחילת התורה. והנה, התורה הקדושה מסתיימת בפסוק "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים לכל האותות והמופתים אשר שלחו ה' לעשות בארץ מצרים לפרעה ולכל עבדיו ולכל ארצו ולכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל", ומבואר ברמז הכתוב באמרו "לעיני כל ישראל", דאף על פי שמשה רבינו עשה את כל הפלאות הגדולות הנזכרות, והיה בעל מדרגה נוראה ונשגבה, מכל מקום השפיל את עצמו לעיני כל ישראל, כדי למסור להם את התורה הקדושה.

ואיתא במדרש, שכאשר ברא הקב"ה את העולם היה כולו מים. ראה הקב"ה שאין העולם יכול להתקיים כשכולו מים, עמד והבדיל בין המים, חציים למעלה וחציים למטה. הלכו המים התחתונים לפני הקב"ה והיו בוכים וצועקים, למה חלקת אותנו מן המים העליונים, שהם קרובים אליך, ואותנו שמת למטה וריחקת אותנו ממך. ענה אותם הקב"ה, אל תבכו ואל תתעצבו, כי אף אתם עוד תזכו להתקרב אלי, על ידי מצות ניסוך המים בחג הסוכות, וכן המלח הבא מכם ישמש למליחת הקרבנות, ועל ידי כך תהיו קרובים אלי.

ועל מדרש זה אמרו הספרים הקדושים, שיש בו לימוד מוסר גדול לאיש ישראל. שהרי המים אין בהם לא נשמה ולא רוח, אלא הקב"ה בראם כאחד מן הנבראים, ואף על פי כן, כאשר הרגישו שנתרחקו מן הקב"ה, לא יכלו לשאת את ריחוקם, והלכו לפניו בבכי ובתחנונים, וביקשו לזכות להיות קרובים אליו.

ואם המים, שאין בהם נשמה ורוח, כך צעקו ובכו על ריחוקם מן הקב"ה עאכו"כ אנו בני ישראל, אשר הקב"ה חנן אותנו בגוף ובנשמה, והכניס בקרבינו נשמה קדושה, ונתן לו את תורתו הקדושה, על אחת כמה וכמה שהיה לו לבכות ולצעוק מעומק לבו ולבקש לזכות להיות סמוך וקרוב אל הקב"ה.

ואת זאת אנו עושים כאשר אנו יוצאים לקיים מנהג תשליך, ואומרים "ונפשי שפכי כמים לבך נוכח פני ה'", אנו שופכים את לבבנו לפני הקב"ה אצל המים, ואנו מבקשים רבונו של עולם, רצוננו להיות קרובים אליך! אנו מבקשים שלא נהיה רחוקים, אלא שנזכה להרגיש את קרבתך ולעבדך בלב שלם.

ויסוד זה, לידע בגדלות אלוקינו ולהשתוקק להתקרב אליו, בא משה רבינו להודיענו. שהרי על אף כל הניסים והנפלאות שעשה משה רבינו, ועל אף שלא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה' פנים אל פנים, וכל האותות והמופתים אשר שלחו ה' לעשות בארץ מצרים, לפרעה ולכל עבדיו ולכל ארצו, וכל היד החזקה וכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל - עם כל זאת, תכלית כל מעשיו היתה להודיע ולהחדיר בלב ישראל את היסוד הגדול של "בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ".

וכך נעצו תלמידי בעש"ט את התורה, שסופה בתחילתה, ללמדנו יסוד גדול זה, שאף שמשה רבינו עשה את כל הניסים והנפלאות הללו, והגיע למדרגה הנשגבה ביותר, עד שנאמר עליו, "ולא קם נביא עוד בישראל כמשה אשר ידעו ה' פנים אל פנים", מכל מקום, תכלית כל זאת היתה לגלות ולהודיע "לעיני כל ישראל" את היסוד של "בראשית ברא אלוקים את השמים ואת הארץ" עס איז דא א באשעפער, און ער האט אלעס באשאפן.

והנה, עתה אנו עומדים בזמן נעלה זה, שבו אנו מחברים את סוף התורה לתחילתה, להורות שע"י נעיצת סופה בתחילתה אנו מחזקים בלבנו את האמונה בה' יתברך, ומחדירים בעצמנו מחדש את ההכרה כי הוא יתברך ברא את כל הבריאה כולה. מצינו גם בימים הקדושים שעברו עלינו, שבהם אנו מחברים את חודש אלול, סוף השנה, לחודש תשרי, תחילת השנה, כדי לאחדם ולהמשיך את קדושת הימים הנעלים אל תוך השנה כולה, ומתוך כך אנו מתחזקים להמשיך בעבודתנו עבודת ה', ביתר שאת וביתר עוז. ושמעתי כי עתה סיימו מסכת עבודה זרה ומתחילים מסכת חדשה. ואף כאן ישנו עניין זה של נעוץ סופו בתחילתו, ומתוך סיום מסכת אחת והתחלת מסכת חדשה מתעורר חיזוק גדול בעבודת ה'.

וכדי להתקיים בעבודת ה' בימינו אלה, צריכים אנו לידע את מה שהורה לנו משה רבינו ע"ה, שאף לאחר שלמדנו וסיימנו את התורה, צריכים אנו לזכור תמיד שעיקר הכל הוא לידע ולהאמין ביסוד האמונה, ש"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ". ועל ידי האמונה בה' יתברך יכולים להשיג את אמיתת התורה, ומאידך גיסא, התורה הקדושה עצמה מורה לנו את הדרך כיצד לבוא לידי אמונה בה' אלקינו.

וכענין זה אנו רואים, שבעת ההקפות בימים הקדושים העעל"ט, אמרנו בכל הקפה והקפה פסוקי "ה' מלך" ו"שמע ישראל", להורות לנו, שכדי לזכות לתורה

באמת צריכים אנו לחקוק תחילה בלבנו את יסודי האמונה "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", וכן "ה' מלך, ה' מלך, ה' ימלוך לעולם ועד", ורק לאחר שמשרישים בלבנו יסודות אלו יכולים אנו לגשת אל התורה הקדושה וללמוד אותה כראוי.

ואלו הם הדברים שהורה לנו משה רבינו לכלל ישראל, שידעו ויבינו כי כדי לזכות לתורה צריכים תחילה להאמין בה', ומאידך, על ידי לימוד התורה וקיום המצוות יכולים לבוא לידי אמונה שלימה בה'. והנה בתורה הקדושה יש שס"ה מצוות לא תעשה ורמ"ח מצוות עשה, הרומזים לשס"ה גידין ורמ"ח איברים שבגוף האדם, להורות לנו שהאדם צריך למסור ולבטל את עצמו בכל שס"ה גידיו ורמ"ח איבריו למען התורה הקדושה, שכל מציאותו תהיה משועבדת לתורה ולרצון ה'.

והנה "תורה" בגימטריא תרי"א, לרמז על תרי"א מצות, ושתי הדברות הראשונות - "אנכי ה' אלקיך" ו"לא יהיה לך" - מפי הגבורה שמענום, ואינן נכללות בחשבון תרי"א. ולכאורה יש לתמוה, דמה בכך ששתי מצוות אלו הן חלק מתרי"ג המצוות, מדוע לא כלל משה רבינו גם אותן במילת "תורה", כדי שיהיה חשבון תרי"ג. אלא, שמשה רבינו בא בזה להורות לנו יסוד גדול בעבודת ה', דכדי לזכות להשיג ולהאמין באמת ב"אנכי ה' אלקיך" וב"לא יהיה לך", לידע ולהרגיש בלב שהוא יתברך אחד ואין עוד מלבדו, צריכים תחילה לעסוק בתורה ובמצוות, ולהיזהר מעבירה. ורק אח"כ יכולין להגיע למדרגה של אמונה בהירה ושלימה, להכיר באמת ש"אנכי ה' אלקיך" ו"לא יהיה לך", שהוא יתברך אחד ואין עוד מלבדו.

והנה בני ישראל יצאו עכשיו מן הימים הקדושים וקבלו על עצמן קבלת טובות, ועתה צריכים אנו לראות כיצד להמשיך ולקיים את הקבלות שקיבלנו, ולא להניח להן להישאר רק בקבלה של רגע, אלא להכניסן למעשה בפועל.

כח הקבלה הוא טובה גדולה שנתן לנו השי"ת. וכמו שמצינו ביציאת מצרים, כאשר אמר הקב"ה למשה רבינו להוציא את בני ישראל מארץ מצרים, אמר משה, "וכי אוציא את בני ישראל ממצרים", הלא הם ערומים ועריה מן התורה ומן המצוות, ואיך אוכל להוציאם, אמר לו הקב"ה, "בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלוקים על ההר הזה". כלומר, אני מוציא אותם ממצרים מפני שסופם לעבוד אותי בהר הזה.

ולכאורה יש לתמוה, מדוע הוציא הקב"ה את בני ישראל כבר עכשיו, כאשר עדיין היו ערומים מן התורה ומן המצוות, על סמך מה שסופם לקבל את התורה ולעבדו בהר הזה. אלא הפשט הוא, שכיון שבני ישראל קיבלו על עצמם מעכשיו לעבוד את השי"ת, כבר היתה להם זכות זו, ועל כן הוציאם הקב"ה ממצרים. עצם הקבלה לעתיד היתה בכוחה לפעול ישועה כבר עכשיו.

וזהו שאמר דוד המלך ע"ה בתהלים, "שיר המעלות, אשא עיני אל ההרים, מאין יבוא עזרי, עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ". ולכאורה יש לתמוה, וכי אין אנו יודעים שהקב"ה ברא שמים וארץ, מדוע מוסיף דוד המלך "עושה שמים וארץ". אלא רצונו לומר, שכאשר אדם נמצא בצרה ואין לו שום עזרה, "עזרי מעם ה'". אך כדי לזכות לעזרת השי"ת, מוטל על האדם לעשות השתדלות מצדו. על ידי אתערותא דלתתא מתעוררת אתערותא דלעילא, והקב"ה ממלא את בקשתו. ומה הוא ההשתדלות שעל האדם לעשות, על כך אומר דוד המלך, "עושה שמים וארץ". היינו, שיעשה האדם את התנאי שעל ידו נבראו שמים וארץ.

וזה הוא מה דאיתא, "בראשית ברא אלוקים" - בשביל ישראל ובשביל התורה שנקראו ראשית. ולכאורה, בשעה שנברא העולם עדיין לא היה מי שיעסוק בתורה. אלא מתרץ בעל הטורים, על פי ראשי התיבות של המילה "בראשית", ב'ראשונה ר'אה א'לוקים ש'יקבלו י'שראל ת'ורה - שהקב"ה ראה מראש שבני ישראל עתידים לקבל את התורה, ומשום כך ברא את העולם. וזהו הענין של "קודשא בריך הוא אורייתא וישראל חד הוא" - הכל אחד. זה היה רצון הבורא מתחילת הבריאה, שיהיו בני ישראל מקבלים את התורה ועוסקים בה.

על כן, בני ישראל קיבלו על עצמם לעבוד את ה' באמת, ועלינו לראות להמשיך את הקבלות שקיבלנו, ולעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, אשר גודל אהבתו אלינו ראינו במיוחד בימים טובים אלו. וכמו שראינו ביום טוב שמיני עצרת העעל"ט, שאמר השי"ת, "עצרת תהיה לכם". כביכול אומר הקב"ה, אני רוצה להוסיף עוד יום אחד של יום טוב, כי "קשה עלי פרידתכם". בני ישראל עברו זה עתה ימים קדושים ונשגבים, שבהם עסקו בתפילה ובבקשה, בהלל ובהודאה, המליכו את ה' אלוקינו עליהם ועל כל יושבי תבל, ואמרו לפניו זכרונות, שיזכור אותנו לטובה, שיזכור את מעשינו הטובים, ויזכור את אבותינו הקדושים - אברהם, יצחק ויעקב. ביקשנו מהשי"ת שיזכור גם את כל מה שאנו עוברים, "ער זאל פארשטיין וואס אונז גייען אריבער", ויתן לנו שנה טובה ומתוקה, שנה של ברכה וישועה. ועתה אנו ממשיכים ומקבלים על עצמנו לעשות רצונו יתברך. ואף כאשר קשה, אנו משתדלים לעשות את רצונו. בני ישראל קיימו את מצוות ה' - מצות לולב ואתרוג, מצות סוכה, שישבו בה במסירות נפש בקור ובחום, ועוד מצוות רבות. על כך כביכול אומר הקב"ה: הנה בני שמחים בתורתי ובמצוותי, ועל כן "עצרת תהיה לכם" - אני רוצה להיות עמכם עוד יום אחד, כי "קשה עלי פרידתכם".

וכמשל המובא על כך: היה עשיר אחד שערך חתונה לבנו או לבתו. באמצע החתונה נכנס עני אחד. כאשר ראה אותו העשיר, ניגש אליו, רקד עמו וכיבדו מאוד. כל המשתתפים תמהו על כך, וחשבו לעצמם, ודאי אדם חשוב ומכובד הוא זה, שהעשיר מכירו ואוהבו כל כך. והנמשל הוא, שאנו כולנו בבחינת עניים בפתח, שאנו זקוקים תמיד לחסדי השי"ת, ומבקשים ממנו בתחנונים שימלא את בקשותינו, והנה בימים הקדושים העעל"ט, הקב"ה קירב אותנו אליו ואמר לנו: "עצרת תהיה לכם" - אני רוצה להיות עמכם עוד יום אחד, כי "קשה עלי פרידתכם". מזה אנו רואים את גודל אהבתו של הקב"ה אלינו. ועל כן מוטל עלינו לקבל על עצמנו לעשות רצונו יתברך, ולקבל קבלה שעל ידה נוכל לקיים את רצון הבריאה "עושה שמים וארץ". והיינו לשמור את מצוותיו ולעסוק בתורתו, שהרי "בראשית ברא" - בשביל ישראל ובשביל התורה, כדי שיקבלו ישראל את התורה ויעסקו בה.

וכל אחד יראה להמשיך קבלתו ביתר שאת וביתר עוז, הבחורים בישיבה, אברכי הכולל בכולל, הבעלי בתים כשעוסקים בתורה, וע"י האתערותא דלתתא יהיה אתערותא דלעילא, עדי נזכה להגאולה שלימה, להושע בכל טוב ברחניות ובגשמיות לו ולזרעו ולכל משפחתו, - רצון הקב"ה הוא להיטיב עמנו, והוא כביכול ממתין להשתדלות מצידנו, קבלה כבר קיבלנו, מעשה כבר עשינו, ועוד קצת השתדלות מצידנו, והשי"ת יתן וימלא את כל בקשותינו לטובה ולברכה, עדי נזכה לביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים יו"ט טיש

## א תורה אויף די פרשה

### ועפר תאכל כל ימי חייך

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די קללה פון דעם, פונקט פארקערט, ער וועט דאך אלץ האבן צו עסן, ווייל ווי ער גייט און ווי ער שטייט איז דא ערד, און ער וועט שטענדיג גרינג טרעפן צו עסן?

נאר דאס איז טאקע די קללה. ווען א איד האט א פראבלעם, דער "בזיעת אפיך" איז צו שווער, דארף ער בעטן דעם אייבערשטן, ווערט כאטש דורכדעם שטערקער זיין התקשרות צום אייבערשטן.

אבער פארן שלאנג האט מען געגעבן די קללה, אז ער וועט קיינמאל נישט דארפן רופן צום אייבערשטן, ווייל ער וועט א גאנץ לעבן האבן די ערד פאר זיין שפייז, אזוי איז ער אינגאנצן אפגעהאקט פונעם אייבערשטן, וואס דאס איז די גרעסטע קללה.

(הרה"ק רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא זי"ע)

### ויכולו השמים והארץ

חז"ל זאגן (שבת קי"ט) אז מיט דעם וואס מען זאגט קידוש על היין ווערט מען א שותף למעשה בראשית. די כונה דערפון איז, אז זיינע תפילות ווערן נתקבל אזוי ווי ווען איין שותף בעט פונעם צווייטן.

(אור לשמים שופטים בשם הרה"ק מ'לובלין זי"ע)

### ויכולו השמים והארץ

חז"ל זאגן כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכולו נעשה שותף להקב"ה במעשי בראשית. דאס וואס חז"ל דרוקן זיך אויס "בערב שבת" קען זיין לויטן אוה"ח הק', אז די וועלט איז באשאפן געווארן בלויז אויף זעקס טעג, און יעדן שבת קומט צו פרישע כוחות אויף די קומענדיגע וואך.

דעריבער דער וואס איז מקבל שבת פריה, און זאגט ויכולו ערב שבת קודש, לייגט צו נאך צייט צום שבת, גיבט ער גרעסערע כוחות פאר די קומענדיגע זעקס טעג, דעריבער ווערט ער באטראכט ווי א ריכטיגע שותף.

(הרה"ק ר"ר אלכסנדר מ'קאמארנא זי"ע)

## א מעשה אויף די פרשה

### המאור הקטן לממשלת הלילה

אין די לעצטע יאר פונעם רבין פון לובלין זי"ע האט פאסירט אז חודש חשון איז געווען שטארק פארוואלקנט, דער צדיק איז דאן געגאנגען אנגעלאנט אויפן האנט פון זיין תלמיד דער הייליגע עטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע, און דער חוזה האט זיך אנגערופן "מיר וואלטן יעצט געדארפט אז ר"ר הערש זאל אונז צושטעלן א לבנה".

באלד האט דער עטרת צבי צוגעפירט זיין רבי'ן צום ערשטן פענסטער אין ביהמ"ד און געוויזן א שיינע לבנה, דאס איז געווען א גרויסע חידוש ווייל פון יענעם פענסטער האט מען קיינמאל נישט געקענט זעהן די לבנה.

נאך קידוש לבנה האט זיך דער חוזה אנגערופן, "איר מיינט אז ר"ר הערש האט פאדרייט די ווענט פון ביהמ"ד, נא, ער האט יעצט פארדרייט די גאנצע מערכת השמים אהער צו ברענגן די לבנה"...

### גן בעדן מקדם

ווען דער הייליגע רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן די מקורבים פון קאזניצער מגיד זי"ע באמערקט ווי דער רבי לאכט. אויף זייער פראגע וואס לאכט דער רבי', האט ער ערקלערט אז ער האט געהערט ווי מען פרעגט אין הימל פונעם הייליגן ר"ר אלימלך צו ער האט געלערנט תורה?, האט ער געענטפערט "ניין". ווידער האט מען אים געפרעגט צו ער האט געטון מעשים טובים? האט ער ווייטער געענטפערט "ניין", אויב אזוי דארפסטו גיין אין גיהנם איז געקומען די פסק פון בי"ד של מעלה.

און מען האט אריינגעפירט דעם צדיק אין גן עדן. זיצענדיג אין גן עדן האט זיך דער הייליגע ר"ר אלימלך אנגערופן "אוי האבן מיר א גוטן באשעפער, אויב אזוי זעהט אויס דער גיהנם ווי גוט דארף אויסזעהן דער גן עדן"...

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
**מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א**

# משרתת עכו"ם בבית ישראל

## רייניגן די שטוב דורך א גוי'שע משרתת

### ארייַנפיר

אזוי ווי מיר אידישע קינדער האבן בלי עין הרע געבענטשטע משפחות מיט מערערע קינדער, און עס פאדערט זיך אנצוקומען צו די הילף פון די גוישע משרתות, איבערהויפט ווען עס קומט ערב שבת און ערב יום טוב, וואס דעמאלטס איז דא זייער אסאך ארבעט, און מען מוז אנקומען צו זייער הילף, כדי צו קענען אנגרייטן דעם שבת און די ימים טובים אזוי ווי עס פאסט זיך פאר אזעלכע הייליגע טעג.

און אזוי ווי די גוי'שע משרתות דרייען זיך ארום אין הויז, און העלפן רייניגן די הויז, דארף מען שטארק אכטונג געבן אז זיי זאלן חלילה נישט אריין ברענגען אין שטוב זאכן וואס זענען נישט אויסגעהאלטן, אויך דארף מען אכטונג געבן אויף פארשידענע הלכות וואס מען קען אלץ נכשל ווערן ווען זיי געפונען זיך אין שטוב.

עס איז דא די פלאץ אראפ צו ברענגען וואס דער רמב"ם (פי"ז מהלכות מאכלות אסורות הל' ט') שרייבט איבער די הארבקייט פון זיך באפריינדן מיט א גוי, ער שרייבט ווי פאלגענד: עס זענען דא זאכן וואס די חכמים האבן געאסר'ט, כאטש די תורה האט דאס נישט געאסר'ט, און זיי האבן גוזר געווען עטליכע זאכן כדי זיך צו דערווייטערן פון די גוים, און מען זאל זיך חלילה נישט אויסמישן מיט זיי, 1. מען טאר נישט טרינקען צו זאמען מיט זיי, אפילו ווען עס איז נישטא א חשש פון יין נסך, 2. אויך האבן זיי געאסר'ט צו עסן א זאך וואס א גוי האט געקאכט [בישול עכו"ם], אדער געבאקן [פת עכו"ם], אפילו די עסן איז א כשר, אלץ דערפאר כדי מיר זאלן זיך נישט באפריינדן מיט זיי.

די ספרים הקדושים ערקלערן אז וועגן דעם הייבט מען אויף דעם כוס פון פסח ביינאכט ביים סדר ווען מען זאגט "והיא שעמדה לאבותינו ולנו", אז די כוונה איז אז מיר ווילן ארויס ברענגען אז אין די זכות פון די כוס ווין וואס די הייליגע חכמים האבן אונז געאסר'ט צו טרינקען ווין פון א גוי, כדי מיר זאלן זיך נישט באפריינדן מיט די גוים, דאס איז אונז בייגעשטאנען אין אלע דורות אז מיר זאלן זיך קענען האלטן און גיין בדרך התורה והמסורה ביזן היינטיגן טאג, און ווען נישט דאס וואלטן מיר חלילה זיך נישט געקענט האלטן, און דאס זאגן מיר ווען מיר האלטן דעם כוס ווין אין די האנט, "והיא שעמדה לנו" אט די כוס ווין, דאס איז אונז בייגעשטאנען, אז אפילו "שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו" נישט נאר איינער פון די גוים ווילן אז מיר זאלן זיך אויסמישן מיט זיי, און זיי ווילן שטערן אונזער הייליגע חינוך, אבער "והקב"ה מצילנו מידם", דער אייבערשטער ראטעוועט אונז פון זייער ביטערע גזירות, אלץ דערפאר וואס מיר לאזן זיך נישט באפריינדן מיט די גוים.

און אזוי ווי עס געפונען זיך אין אונזערע הייזער אסאך גוי'שע משרתות, וואס העלפן אונז ארויס מיט די היים ארבעט, איבער דעם וועלן מיר אי"ה שרייבן אין די קומעדיגע מאמרים פארשידענע אקטועלע הלכות און הנהגות וואס מען דארף אלץ אכטונג געבן בשעת די גוי'שע משרתות געפונען זיך ביי אונז אינדערהיים.

א.

### שאלה: וואס איז וויכטיג

### זיך אויסצונעמען מיט די גוי'שע משרתות פאר מען נעמט זיי אויף?

**תשובה:** עס איז דא עטליכע זאכן וואס איז זייער וויכטיג, אז איידער מען נעמט אויף א גוי'שע משרתת, זאל מען זיך אויסנעמען מיט זיי, אז זיי זאלן אכטונג געבן אין די זאכן, כדי איינצושפארן ערנסטע שאלות, מיר וועלן אויסרעכענען עטליכע זאכן:

#### 1. אנגעטאן צניעות'דיג

עס שטייט אין די תורה "ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך" דער אייבערשטער זאגט, אז עס זאל זיך נישט ארויס זעהן ביי דיר א פלאץ פון קערפער וואס איז געווענדליך צוגעדעקט, ווייל ביי אזא פלאץ "ושב מאחריך" קערט זיך אוועק דער אייבערשטער פון דיר, און ער וועט זיך נישט געפונען אויף דעם פלאץ דיך צו היטן.

און עס ווערט געפסק'נט אין שלחן ערוך, אז דאס איז געזאגט געווארן אויך ביי א גויטע וואס קומט אריין ביי דיר אין שטוב, און זי איז נישט צניעות'דיג, און מען טאר נישט דאווענען אדער מאכן א ברכה א.ד.ג. קעגן איר, איבער דעם דארף מען אכטונג געבן אז ווען א גויטע קומט ארבעטן ביי א אידישע שטוב, אז זי זאל גיין גוט פארדעקט.

איבערהויפט ברענגט דאס גרויסע נסיונות פון שמירת עינים פאר די מענער, און פאר אונזער הייליגע קינדערלעך און טייערע בחורים, וואס יעדע ראיה אסורה איז א געוואלדיגע עבירה, און דאס קען גורם זיין גרויסע מכשולות.

איבער דעם איידער מען נעמט אויף א גוי'שע משרתת, דארף מען זיי מסביר זיין אז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן וואס איז שייך ביי אונז אידן, איז אז מען זאל נישט גיין אנגעטאן מיט פריצות'דיגע

קליידער, און יעדע באדעקטע פלאץ פון די קערפער דארף זיין צוגעדעקט, און מען זאל זיי בעטן אז זיי זאלן קומען אנגעטאן מיט אזעלכע מלבושים וואס דעקן צו די גאנצע קערפער.

### מען דארף געדענקען

אז אין די צייט וואס מיר זענען משקיע אזויפיל כח און געלט אויף צו רוימען די הויז, אז די שכינה הקדושה זאל קענען רוען ביי אונז אין שטוב, אין די זעלבע צייט דארפן מיר זיכער מאכן אז די שכינה הקדושה זאל זיך חלילה נישט אפקערן פון אונזערע הייזער, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך".

**באמערקונג**

עס איז איז ראטזאם צו באשטימען פאר זיי א אויבערשטע בגד [דאסטער מיט לאנגע ערמל] וואס דאס זאלן זיי אנטאן בשעת די ארבעט.

די בית הוראה דקריתינו האט שוין מפרסם געווען א ספעציעלע נוסח, אויף דריי שפראכן, ענגליש, פרענטש, און ספאניש, וואס דארט ווערט ערקלערט פאר די גוישע משרתות אז דאס גיין אנגעטאן באדעקט דאס איז פון אונזער רעליגיע, און מען בעיט זיי אז זיי זאלן זיך צו שטעלן צו דעם, און אז נישט קען מען זיי בכלל נישט נעמען צו ארבעטן ביי אונז.

### 2. דאס רעדן מיט זיי

מען דארף צו וויסן אז מען טאר זיך נישט באפריינדן מיט א גוי'שע משרתת, און נישט רעדן מיט זיי פון סיי וואס, איבערהויפט רעדן פון זייער לעבן שטייגער, און פון זייער פאמיליע און נאנטע, ווייל זייערע ווערטער קענען שטארק שאטן.

באזונדער דארף מען אנזאגן פאר די גוי'שע משרתות אז זיי זאלן זיך נישט באפריינדן מיט די קינדער, אזוי אויך דארף מען אנזאגן פאר די קינדער אז זיי זאלן נישט רעדן מיט זיי קיין שום שמועס, ווייל זייערע דיבורים קענען חלילה מטמא זיין א טומאה חמורה.

און אוודאי אז מען דארף זיי אנזאגן אז זיי זאלן נישט נוצן אדער ווייזן פאר די קינדער זאכן פון זייער סמארטפאון, ווייל דאס איז א געוואלדיגע סכנה פארן עתיד רח"ל.

### 3. נישט עסן אין שטוב

מען דארף זיי אנזאגן אז דאס עסן וואס זיי ברענגען מיט, זאלן זיי נישט אריין ברענגען אין שטוב דארט ווי מען עסט, סיי אלץ חשש פון נבילות וטריפות, און פאר פסח אלץ חשש פון חמץ, אויך זאלן זיי האלטן זייער עסן אויף א געהיטענע פלאץ עס זאל זיך נישט אויסמישן מיט אונזער עסן.

### 4. וואשן די הענט

פאר זיי הייבן אן צו רייניגן די זאכן פון די קאך, אזוי אויך נאך א ברעיק [הפסקה], זאלן זיי זיך וואשן די הענט, ווייל עס קען זיין אז זיי האבן אנגערירט נבילות וטריפות.

**באמערקונג**

אויב די משרתת איז א אידישע פרוי וואס איז נישט קיין שומר תורה ומצות, דארף מען פארלאנגען פון איר אז יעדן טאג ווען זי קומט אן אין שטוב, זאל זיך וואשן נעגל וואסער מיט א טעפל דריי מאל איינס נאכן אנדערן, ווייל אויב זי רירט אן א מאכל קען ארויף גיין דערויף א רוח רעה, אבער א גוי'שע משרתת דארף נישט וואשן נעגל וואסער.

בדיעבד אויב א אידישע משרתת האט אנגערירט עסענווארג פאר זי האט זיך געוואשן נעגל וואסער, אויב עס איז אזא מאכל וואס מען קען דאס אפוואשן, ווי למשל פרוכט אדער גרינצייג א.ד.ג. זאל מען דאס וואשן דריי מאל, און אויב עס איז אזא מאכל וואס מען קען נישט וואשן ווי ברויט אדער געבעקס א.ד.ג., מעג מען דאס עסן בדיעבד.

## זהירות אין קאך

### 5. נישט אנצינדן די פייער פונעם סטאוו

מען דארף זיי אנזאגן אז זיי טארן בשום אופן נישט אנצינדן די סטאוו, און נישט גרעסער מאכן די פלאם, און אפילו ווען די פלאם האט זיך אויסגעלאשן זאלן זיי דאס נישט צוריק אנצינהדן.

**באמערקונג**

כאטש א גויש'ע משרתת מעג אויסלעשן די פייער, אדער קלענער מאכן דעם פלאם, פונדעסטוועגן זענען דא וואס זאגן אן פאר די משרתות, אז זיי זאלן בכלל נישט צורירן צום פלאם, זיי זאלן נישט אפילו אויסלעשן אדער קלענער מאכן די פלאם, אלץ גדר אז זיי ווענלן צו קומען מקיל צו זיין און אמאל אויך אנצינדן.

### 6. נישט קאכן פאר זיך אליין

אויך דארף מען זיי אנזאגן אז זיי טארן נישט קאכן פאר זיך אליין קיין שום מאכל, אפילו מאכלים וואס זענען כשר, ווייל עס זענען דא מאכלים אפילו זיי זענען כשר, אויב א גוי קאכט עס ווערט די כלי טריפה, און מען דארף עס כשר'ן, למשל אויב א גוי האט געקאכט פאר זיך א איי אין א טאפ פונעם איד, איז סיי די איי און סיי די טאפ טריפה, וועגן בישול עכו"ם, און מען דארף כשר'ן אלע כלים וואס האבן צוגערירט צו די איי ווען עס איז געווען הייס [יד סולדת], ווי למשל די טעלער, און די לעפל א.ד.ג.

### 7. בשר וחלב

אויך דארף מען זיי אנזאגן אז ביי אונז טאר מען נישט אויסמישן די פליישיגע און די מילכיגע כלים, דעריבער זאל מען זיי ווייזן, ווי די מילכיגע כלים געפונען זיך, און ווי די פליישיגע, אזוי אויך ווי איז די מילכיגע סינק און ווי עס איז די פליישיגע סינק, און זיי אנזאגן אז זיי זאלן קיינמאל נישט וואשן מיליכיגע כלים אין די פליישיגע סינק, און נישט די פליישיגע כלים אין די מילכיגע סינק.

**באמערקונג**

כאטש מען טאר נישט לערנען תורה מיט א גוי, פונדעסטוועגן די הלכות וואס זענען נוגע פאר די אידישע שטוב מעג מען לערנען, כדי זי זאל וויסן וואס אכטונג צו געבן, למשל: די כללים פון איסור בשר וחלב, און די כללים וואס זיי טארן נישט טאן אין שבת.

### 8. נבילות וטריפות

אויך דארף מען זיי אנזאגן אז טארן נישט אויסוואשן זייער כלי אין וואס זיי האלטן זייער עסן און געטראנק, אין די סינק פון די קאך, זיי מעגן דאס וואס אין סינק פון די בית הכסא, אדער לאנדרי רום דארט ווי מען באניצט זיך נישט מיט די סינק צו עסענווארג און געטראנקען.

**המשך יבוא אי"ה**

# נועם העבודה

# וואס מיינט שבת ביי א חסידישע איד

## אותיות מחכימות:

**וביאור** עומק הענין בזה מבואר בספרים הק', כי ידוע דבעת שעלה ברצונו הפשוט יתברך לברוא את העולם, הסתיר את אורו אור אין סוף ב"ה, בלבושים וצמצומים רבים, צמצום אחר צמצום, כדי שיוכלו להתהוות ברואים גשמיים, ועל ידי זה נבראו כל הברואים כל מכונם. ובהגיע יום הששי, אחר שנגמרה כל הבריאה של ששת ימי המעשה, ראה הקב"ה, כי מרוב הצמצומים והלבושים שצמצם את אורו, נתגבר כח ההסתר בעולם עד למאוד, ובאופן זה יהי' קשה מאוד להאדם להתדבק אליו יתברך, ולהגביר כח הטוב על גודל כח הרע השולט בעולם, לכן כשהגיע יום שבת קודש, חזר הקב"ה להאיר בכל הבריאה אור גדול מאור אין סוף ב"ה, ואור זה הוא בחינת נשמת רוח חיים, דהיינו נשמה ואור רוחני בלי צמצום, כדי שעל ידי כח זה האור הלזה, יוכל האדם להתדבק באורו יתברך ובחלק הטוב, ויהא בכחו להגביר הטוב על כח הרע וההסתר של עולם הזה.

**ובזה** יובן מאמרם ז"ל, מה היה העולם חסר, מנוחה, באת שבת באת מנחה, כי ענין "מנוחה" מרמז, להתגלות אור אין סוף ב"ה בלי הסתר וצמצום, שהאור הזה בא על ידי שהקב"ה נח ושבת מן הצמצומים שעסק בהן בששת ימי המעשה. וזהו שאמרו, מה היה העולם חסר, מנוחה, כי אחר שנברא העולם בצמצומים הרבים, עדיין היה חסר כח המנוחה, דהיינו כח הנשמה והתגלות האור שהפיח הקב"ה אחר כך, שבלתי כח זה לא היה אפשר לאדם להתדבק אל הטוב ולהתקשר אל הבורא ב"ה מגדול ההסתר והרע שהיה שולט בעולם.

(עבודת עבודה דב"ק ח"א עמ' ה'-ו')

ברוך ה' מיר האלטן נאך די הייליגע טעג, עס איז דורכגעגאנגען א ראש השנה, יום כיפור, סוכות, זמנים וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר כלל ישראל, וואס לייכט אריין אין אידישע הערצער מען זאל נתקרב ווערן צום אייבערשטן.

דעם ווינטער וועט ס'וועט נישט זיין קיין ימים טובים - קיין דאורייתא'דיגע ימים טובים וואס איז אסור בעשיית מלאכה - ביז פסח, הייבן מיר אן דעם ווינטער מיט "שבת בראשית".

שבת איז א טאג וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן יעדע וואך, איינמאל א וואך א טאג וואס מיר קענען נתקרב ווערן צום אייבערשטן, דאס איז די יום השבת. די ערשטע וואך שבת רופט מען אן מיט'ן נאמען שבת בראשית, ס'איז א זמן זיך מתבונן צו זיין אין די מצוה פון שבת.

מען זאגט נאך פון צדיקים, ווען ס'וואלט ווען געווען שבת איינמאל א יאר, וואלט מען שוין 30 טעג פאר דעם אנגעהויבן געבן שיעורים וועגן הלכות שבת, לערנען וועגן שבת, דערווייל וויבאלד ס'איז יעדע וואך קומט אויס אז מען רעדט נישט אזויפיל דערוועגן.

באופן כללי דארף מען וויסן די חילוק, ווי אזוי א פשוט'ע איד טוט א מצוה, און א חסידישע איד וואס טוט א מצוה. די מסילת ישרים רעדט אין דרכי חסידות, אז א חסיד טייטשט ער איז א "עושה נחת רוח ליוצרו", איזהו חסיד המתחסד עם קונו, ער וויל טון וואס דער אייבערשטער וויל, מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן. ס'איז דא צוויים וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, די תרי"ג מצוות, דאס איז יעדע איד מחויב, אבער ווען איינער האט ליב דעם אייבערשטן וויל ער נישט נאר טון וואס מען האט געהייסן און יוצא געווען, נאר ער זוכט וואס דער אייבערשטער האט געוואלט, וואס די ציל פון די מצוה איז, און אזוי אריינגיין, ווי אזוי קען מען מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן, ווי אזוי קען מען טון די מצוה ריכטיג אויף די אופן ס'זאל צוקומען צו דאס וואס דער אייבערשטער האט טאקע געוואלט.

מען קען רעדן פון יעדע מצוה עקסטערע, אבער יעצט וועל מיר רעדן לדוגמא פון מצות השבת. שבת איז א עשה און א לא תעשה, ס'דא די עשה פון שביתה, מען דארף רוען שבת, ס'איז דא א מצות עשה צו מאכן קידוש שבת, און נאכדעם איז דא א לא תעשה, לא תעשה מלאכה, מען זאל נישט טון קיין מלאכות אין שבת.

נא, א פשוט'ע איד וויל טון וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, לערנט הלכות שבת, טוט נישט די אלע ל"ט מלאכות און די אלע דרבנן'ס וואס חז"ל האבן צוגעלייגט, ער מאכט קידוש אויף כשר'ע וויין, זאגט די ווערטער און דאוונט די תפילות פון שבת, און ער האט יוצא געווען, ער האט גערוהט שבת.

# מפעל להתוועד בחורי אנ"ש

נמסר על ידי הרב הגאון ר' **יואל גאנדל** שליט"א
ר"מ בישיבתינו הק' תורת משולם פייש ניו יארק - במיוחד לבחורי אנ"ש חברי חבורות עבודת עבודה

אבער אז מען איז א חסידישע איד, וויל מען דאך וויסן וואס האט דער אייבערשטער געוואלט דא, פארוואס האט דער אייבערשטער געוואלט אז יעדע זיבעטע טאג זאל מען נישט טון קיין מלאכה, פארוואס טאר מען נישט טון קיין זאכן?

דארף מען זיך אביסל מתבונן זיין אין ספרים הק', און פשוט די פסוקי התורה, וואס די תורה רעדט. די תורה זאגט דאך בפירוש "כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש", פשוט אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט - ווי די ראשונים זענען מסביר - און די זיבעטע טאג האט ער גערוהט, און כדי כלל ישראל זאל טאקע איבער'חזר'ן די יסוד פון בריאת העולם, און זען דעם אייבערשטן אין די וועלט, טרעפן דעם אייבערשטן אין די וועלט, האט ער געגעבן איינמאל א וואך, וואס דעמאלטס איז די זמן זיך מתבונן צו זיין דערין.

פאר דעם האט ער גע'אסר'ט צו טון א מלאכה, מען זאל האבן צייט זיך מתבונן צו זיין, מען זאל קענען מאכן קידוש, אויסרופן אז ס'איז דא איין באשעפער אין די וועלט וואס האט באשאפן אלעס, מען זאל אזוי נתקרב ווערן צום אייבערשטן, דאס איז דאך די גאנצע תכלית פון די בריאה, כל מה שברא הקב"ה לא בראו אלא לכבודו, און דאס קומט טאקע ארויס בעיקר שבת, דער מענטש רוהט זיך אפ פון די גאנצע הלוך ילך פון די גאנצע וועלט, ער לייגט אלעס אין די זייט, און ער איז פארנומען איין טאג אין וואך נאר מיטן אייבערשטן.

אבער חז"ל האבן אונז מגלה געווען אז ס'איז דא נאך א זאך, שבת באקומט א מענטש א נשמה יתירה, וביום השביעי שבת וינפש, לערנען חז"ל ארויס אז שבת באקומט א מענטש א נשמה יתירה. וואס הייסט א נשמה יתירה? וואס מיינט א פשוט'ע נשמה, און וואס מיינט א נשמה יתירה?

די נשמה איז די כח וואס א מענטש האט, דער באשעפער האט אריינגעלייגט אינעם מענטש א כח הרוחני וואס איז מקרב צום אייבערשטן, מיט דעם קען ער ליב האבן דעם אייבערשטן, מורא האבן פונעם אייבערשטן, זיך דערנעענטערן צום אייבערשטן, און דינען דעם אייבערשטן. מיט דעם כח פון די נשמה וואס די מענטש האט. דאס איז א גאנצע וואך, א גאנצע וואך האט א מענטש די כח הנשמה, אבער שבת געט מען אים צו נאך א כח הנשמה.

פארוואס געט מען אים צו נאך א נשמה? אוודאי, ווייל דער טאג איז דאך טאקע מיוחד פאר דעם, מען זאל זיך דערנעענטערן צום אייבערשטן, זיך מער נתקרב ווערן צום אייבערשטן, האט מען אים געגעבן דעם כח, א נשמה יתירה וואס ער קען מיט דעם זיך מקרב זיין מער צום אייבערשטן, מער דאנקן דעם אייבערשטן, מער לויבן דעם אייבערשטן, אזוי ווי די גמ' זאגט אין מסכת מגילה, די חילוק פון א איד און א גוי, כטוב לב המלך ביין, גוים וואס טרינקן זענען פארנומען מיט נארישקייטן, משא"כ א איד ווען ס'קומט שבת, מען זיצט און מען עסט א סעודה, איז מען זיך מתקרב צום אייבערשטן, מען זינגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטן.

דער אייבערשטער האט טאקע געגעבן פאר דעם א ספעציעלע כח, און פאר דעם טאקע זאגט מען "נשמת" שבת, מען לייגט צו צום דאוונען א חלק וואס הייסט נשמת, ווייל מען רעדט פון די נשמה פון די מענטשן, זאגט מען דארט ביי נשמת, הן הם יודו ויברכו וישבחו, כי כל פה לך יודה, מען דאנקט דעם אייבערשטן מער, ווייל די נשמה איז דער כח וואס דאס קען מער ארויסברענגען די שירות ותשבחות, דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן פאר אלע זאכן.

ממילא ווייל ער האט מער נשמה, קען ער מער דאנקן און לויבן, און אזוי איז די גאנצע שבת.

אויסערדעם וואס דער באשעפער האט אים געגעבן די נשמה יתירה, איז דא נאך א נקודה וואס דער רבי איז מבאר אין עבודת עבודה (עיין באותיות מחכימות), די גמרא זאגט מה הי' עולם חסה, מנוחה, בא שבת בא מנוחה, ויכל אלקים ביום השביעי, דער באשעפער האט אויך באשאפן עפעס שבת, וואס האט ער באשאפן שבת? די ענין פון מנוחה.

די ענין פון מנוחה מיינט, די 'אלקות' וואס איז דא אין די בריאה. דער רבוש"ע האט זיך באהאלטן אין די בריאה, די וועלט הייסט "עולם", עולם איז א לשון פון 'העלם', בשעת דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט האט ער זיך מצמצם געווען, ער האט זיך באהאלטן אין די בריאה, קומט אבער שבת, האט דער אייבערשטער מער מגלה געווען דעם אור ה', אז מען זאל קענען מער משיג זיין דעם אייבערשטן מצד די וועלט. דאס טייטשט, אז די 'וועלט' באהאלט נישט אזוי דעם אייבערשטן שבת, ווי א גאנצע וואך.

קומט אויס אזוי, א גאנצע וואך איז שווערער צו טרעפן דעם אייבערשטן אין די וועלט. אוודאי דארף מען אלעמאל טרעפן דעם אייבערשטן אין די וועלט, אלעמאל. אבער ס'איז מער באופן פון עבודה, מען דארף מער הארעווען צו טון וואס דער אייבערשטער הייסט, צוברעכן אלע מחיצות פאר'ן אייבערשטן. און ווען ס'קומט

המשך בעמוד טו





# הרה"ק רבי יהודה ווייגארטן זצוקללה"ה

**זקינו של יבלחט"א כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א**

**דעם קומענדיגן דינסטאג פרשת נח ב' חשון הבעל"ט געפאלט אויס די יודל"ק פון הרה"ק רבי יהודה הלוי ווייגארטן זצ"ל, חותן המלך פון רביה"ק והטהור זי"ע, וזקינו של יבלחט"א כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, ווי מען האט אים גערופן בלשון חיבה, רבי יודא'לע.**

רבי יודא'לע איז געבוירן אין יאהר תרמ"ו צו זיינע חשובע עלטערן **הרה"צ רבי אברהם זצ"ל**, און צו זיין חשובע מאמע הצוה"ח **מרת יוטא רבקה ע"ה**, אין די שטעטל פישפיק-לאדיין אין אונגארן.

רבי יודא'לעס רביצין איז געווען 3 מאל א אייניקל פון הייליגן רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע און למעב"ק פון נאך גרויסע צדיקים וקדושים.

שוין פון יונגוויז אן, זייענדיג גאר א יונג קינד האט זיך שוין אנגעזען אז דאס קינד איז נישט קיין פשוט קינד, נאר עס וואקסט דא אונטער, א גאר דערהויבענע און הייליג קינד, הן אין די שאיפות והתמדת התורה וואס ער האט דאן פארמאגט, ווי יומם ולילה האט מען אים געזען זיצן ביי א גמרא און הארעווען על התורה והעבודה.

זייענדיג א קינד פון 9 יאר האט ער שוין פארשטאנען וואס פשוט'ע מענטשן הייבן אן צו פארשטיין ביי די 14-15 יאר. הן במידות טובות, זיך געפירט בקדושה וטהרה, ווי רבי יודא'לע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף זיך, זייט די 9 יאר האב איך נישט קיין ציקער'ל אריינגענומען אין מויל.

ווערנדיג בר מצוה האט ער מקיים געווען די משנה 'הוי גולה למקום תורה', רבי יודא'לע איז געפארן לערנען אינעם בארימטן ישיבה אין חוסט, דארט אינעם ישיבה תחת כנפי הריש מתיבתא הגה"ק בעל ערוגת הבושם זי"ע, האט ער ווייטער זוכה געווען צו שטייגן אויסטערליש, פראוועדיג א דערהויבענעם סדר היום דבוק כל כולו בעבודת השי"ת, פון די גאר פריע פארטאג שטונדן, ביז אריין אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

נאכ'ן אויסנוצן די בחור'ישע יארן על במתי התורה והיראה, איז רבי יודא'לע א חתן געווארן, און חתונה געהאט צו די צדיקת מינדל ע"ה בת **הרה"צ ר' פינחס אלימלך ז"ל**.

נאך זיין חתונה, האט רבי יודא'לע ווייטער אנגעהאלטן עבודתו הקדושה, מיט'ן מוסיף זיין קדושה וטהרה אין אלע היניזיכטן, הן ביראת ה', הן בהתמדת התורה, און הן בעבודת התפילה.

דא איז טאקע פאסיג זיך אפצושטעלן אויף א רגע, דערמאנענדיג די געוואלדיגע עבודת התפילה פון רבי יודא'לע. רבי יודא'לע האט געהאט א זעלטענע עבודה ביים דאווענען, וואס איז צוגעגאנגען מיט א זעלטענעם נעימות, ובבחינת כל עצמותי תאמרנה. מען האט אויף אים בשעת'ן דאווענען געזען א העכערן גייסט, די דאווענען איז צוגעגאנגען מיט השתפכות הנפש וגעגועים צום בוכ"ע, ווי עס איז נישט אדורך קיין שום תפילה אן דעם וואס רבי יודא'לע זאל נישט פארגיסן קיין טייכן טרערן.

זיין זעלטענעם עבודת הקודש און אנגעפילטן סדר היום כל כולו לאבינו שבשמים איז נישט נאר געווען אין די בייטאג שטונדן, נאר רבי יודא'לע איז יעדן טאג אויפגעשטאנען צו תיקון חצות, און מיט א בגד פול מיט קליינע שטיקלעך האלץ אריינגענייט זיך צו פייניגן, געזאגט תיקון חצות מיט בכיות נוראות ובדמעות שליש, קלאגנדיג אויפ'ן חורבן בית המקדש, און גליסטנדיג שיבנה בית המקדש השלישי במהרה.

אין צוגאב פון זיין זעלטענעם עבודת ה' במסירות נפלאה, פלעגט רבי יודא'לע מאכן שטענדיג סיגופים אויף זיך און פלעגט פאסטן גאר אפט, אבער זעלבסט פארשטענדליך אז עס האט נישט געשטערט פון זיין טעגליכע סדר היום אנגעפילט בקדושה וטהרה, לעבוד השי"ת בכל נפשו, ובכל לבבו.

די שבת קודש ביי רבי יודא'לע איז געווען א אמת'ע 'יום שבתון אין לשכוח', פאר ווער עס האט דאס מיטגעהאלטן עין בעין, ווען שוין פרייטאג נאכמיטאג תיכף נאך די מקוה איז געווען בבחינת פושט צורה ולובש צורה, אנזעענדיג אז א הייליגקייט קומט צו גיין.

ווער רעדט נאך פון די עצם שבת, רבי יודא'לע האט געפלאקערט ווי א מלאך אלוקים, ווי די גאנצע שבת איז אריבער מיט א הייליגקייט, און חדווה עילאה.

ווען רבי יודא'לע האט זיך אריבערגעצויגן קיין ירושלים עיה"ק, האט ער איינגעפירט דעם מנהג, אז די בעקערס אין די בעקערייען, ווען זיי באקן די חלות פאר שבת, זאגן זיי ארויס מיט'ן מויל, "לכבוד שבת קודש". אזוי אויך האט ער שטענדיג גאר שטארק מקפיד געווען צו מכבד זיין דעם שבת קודש כראוי ונכון.

איינע פון די הויפט צילן פון רבי יודא'לע אין זיין גאנץ לעבן, איז געווען אז ער האט געוואלט מרביץ תורה זיין ברבים, אריינגעבן א חשקות התורה אל לבם של ישראל, געבן צו פארשטיין דעם 'פיקודי ה' ישרים משמחי לב', אריינגעבן א זיסן טעם אין עבודת ה'.

און טאקע פאר אסאך יארן האט ער זוכה געווען פארצולערנען א שיעור 'גמרא תוספות' ברבים, ווי פון רינגס ארום זיצן די תלמידים ומקשיבים, קוועלנדיג פון די זאפטיגע באר מים חיים - אין מים אלא תורה - ארויס פונעם הייליגן מויל, פליסנדיג במיטב לשונו די גמרא תוספות, פאר די תלמידים וואס הערן עס צו מיט דארשט.

טראץ די פילע שיעורים וואס ער פלעגט געבן האט אבער רבי יודא'לע ווייטער אנגעהאלטן זיין 'אומבאשרייבליכן' עבודת והתמדת התורה, וואס איז נישט מעגליך צו משיג זיין, רבי יודא'לע פלעגט גאר אסאך לערנען און עוסק זיין בספרי קבלה, זוהר הקדוש, כתבי האריז"ל, און נאך, און ער פלעגט עס לערנען, ווען קיינער האט זיך נישט געקימערט ארום אים וואס ער טוט, און דאס איז א חוץ וואס ער פלעגט הארעווען, טאג און נאכט, גמרא תוס' ומפרשים וד' חלקי שו"ע.

פון צווישן די פילע מנהגים וואס רבי יודא'לע פלעגט זיך פירן, איז, אז ער פלעגט זיך קיינמאל נישט דורכאויס די וואך ארײנלייגן אין א בעט שלאפן, ער פלעגט זיך לייגן אויף א הארטע באנק, און זיך נישט צודעקן מיט קיין דעקע, א.ד.ג. און די גאנצע שלאף וואס רבי יודא'לע איז שוין יא געשלאפן איז געווען בלויז 'עטליכע קורצע שעות' און תיכף אויפגעשפרינגען צו א פרישע טאג לעבוד את השי"ת בכל לב.

אזוי אויך פלעגט רבי יודא'לע אייביג ביים שלאפן גיין מיטנעמען א ספר, צו איינשלאפן מיט דברי תורה, און אויפשטיין בזריזות אזוי ווי א יונג בחור"ל.

ענווה ושפלות, די 2 ווערטער ברענגט בכלל נישט ארויס גענוג ווי קליין רבי יודא'לע פלעגט זיך האלטן, טראץ דעם וואס ער איז געווען געשעצט ביי אלעמען, ער איז אנטלאפן פון כבוד, אזוי ווי עס פלאקערט א פייער, ווען איינער פלעגט אים אויסרימען, האט ער עס נישט סובל געווען, און ווען מענטשן פלעגן זיך אויפשטעלן פאר אים מפני כבודו פלעגט ער עס אוועקמאכן מיט תנועות ביטול, אויף רבי יודא'לע פאסט צו זאגן ריכטיג דעם, שייף עייל ושייף נפיק ולא מחזיק טוביתא לנפשי'.

כאטש וואס רבי יודא'לע האט נישט געפראוועט קיין רבי'סטעווע, אפילו ער איז געגאנגען מיט ווייסע זאקן אינדערוואכן, און זיין צורה האט געזאגט כל כולו קדוש, זענען אבער פול מענטשן געקומען זיך מזכיר זיין ביי רבי יודא'לע, וויסנדיג אז רבי יודא'לע קען פועל'ן פאר זיי, אבער רבי יודא'לע האט זיך שטענדיג קאטעגאריש אפגעזאגט מיט א ענוות חן, זאגנדיג אז ער איז נישט ראוי און פאסיג דערפאר, אבער פארט זענען אידן געגאנגען זיך קוויטלען ביי אים זעהענדיג אותות ומופתים, ווי נאך לאנגע בעטענישן האט ער מסכים געווען צו

דער מאטעסדארפער רב זצ"ל האט אמאל געזאגט: ווער עס וויל זיינע תפילות זאלן אנגענומען ווערן, זאל דאווענען דארט וואו רבי יודא'לע דאווענט, דעמאלטס איז ער פארזיכערט אז זיינע תפילות וועלן נתקבל ווערן.

אנוואונטשן, בברכתו הטהורה, והצדיק גוזר והקב"ה מקיים.

אויף יעדע ריר פון רבי יודא'לע במשך זיין גאנץ לעבן קען מען אנפילן בלעטער אויף בלעטער, הן די קדושה וצדקות, והן מדות טובות, קדושת ושמירת עינים וואס רבי יודא'לע האט זיך אויפגעפירט זיין גאנץ לעבן, די זהירות וחומרות בעניני כשרות, ווי עס ווערט אויף דעם פארציילט אז רבי יודא'לע, פלעגט כסדר זיך נאכפרעגן אויף די מילך אין ביהמ"ד, וואס טוט זיך מיט די מילך.

א באזונדערע פרשה פאר זיך איז די זהירות אין תרומות ומעשרות, ומצות התלוית בארץ, וואוינענדיג אין ירושלים עיה"ק, וואס אויף דעם האט ער זיך אויף קיינעם נישט פארלאזט.

די זעלטענע צוגעלאזנקייט פאר יעדן, זיך מיטפרייענדיג מיט יעדנ'ס שמחה, און מיט זיין גאלדענעם הארץ יעדן אלעמאל ארויסגעוויזן די מידת הכרת הטוב, און נאך פיל פיל מער, און פון יעדע פרט איכא לדרוש יותר ויותר.

רבי יודא'לע איז נסתלק געווארן זייענדיג 87 יאהר, זונטאג לך ב' מר חשוון שנת תשל"ג לפ"ק, ווי תיכף האט זיך אנגעזען מאסן אידן שטראמען צום לוי', אפצוגעבן כבוד האחרון פאר אזא אדם גדול וחשוב.

ביים מסע הלוי' האבן מספיד געווען אלע גדולי הדור פון ירושלים עיה"ק, און רבי יודא'לע איז דערנאך געברענגט געווארן צום מקום מנוחה אויפ'ן הר הזיתים.

## די נוסח המצבה:

פ"נ **הרב הצדיק תמים במעשיו ר' יהודה בן ר' אברהם וויינגארטען זצ"ל** עסק כל ימיו בתורה ועבודה וגמילות חסדים וסגופים ותעניות ולמד עם תלמידים והרביץ תורה וי"ש לרבים כל ימיו במסירת נפש תלמיד לערוגת הבושם ונסע הרבה להאמרי יוסף זצ"ל רגליו כיתת לצדיקי דורו זכה וזיכה את הרבים תפילתו היתה למופת בכוונה ומעומק הלב הניח אחריו דור ישרים הולכים בדרכי ה' והיה מזקני וחסידי שארית הפליטה ויהא מליץ יושר למשפחתו ולכ"י ויקום עם ישיני עפר בתחיית המתים נפטר ב' מר חשון תשל"ג תנצב"ה

זאל השי"ת העלפן אז דער צדיק זאל אראפקוקן פון אויבן 'השקיפה ממעון קדשך מן השמים' און משפיע זיין פאר אונז אלע ברכות והשפעות, ובפרט פאר זיין גרויסן אייניקעל **כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א** זאל קענען ווייטער ממשיך זיין און פירן קהל עדתינו על מי מנוחות, און אונז קענען פירן אנטקעגן משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

כ"ט תשרי

## הרה"ק ר' אברהם דוד בן ר' אשר אנשיל זי"ע – מ'בוטשאטש

### ברוך שנתן תורה

הרה"ק ר' אברהם דוד מ'בוטשאטש זי"ע האט מתקן געווען אז מען זאל זאגן א יעדן טאג אינדערפרי גלייך ווען מען שטייט אויף "ברוך שנתן תורה לעמו ישראל בקדושתו".

הרה"ק ר' אליעזר'ל מקאמארנא זי"ע ברענגט נאך בשם זיין טאטע ר' אייזיק'ל זי"ע אז ער האט מקובל פון זיינע רבי'ס אז גלייך ווען מען שטייט אויף אינדערפרי זאל מען זאגן "ברוך הוא וברוך שמו חי וקים לעד ולעולמי עולמים".

די עיקר וואס זיי האבן מתקן געווען איז געווען אז די ערשטע דיבור זאל זיין א דיבור פון לויב צום אייבערשטן ווייל לויבן דעם אייבערשטן הייבט אויף די נשמה.

### פוסקים בשמים כמותו

דער בוטשאטשער רב האט אמאל געזאגט, אז א חתן איז מען מוחל זיינע עבירות אין די שבעת ימי המשתה פונקט ווי אין די יום החופה, און ער האט צוגעלייגט אז אפילו דאס שטייט נישט אין חז"ל אבער וויבאלד איך האב דאס געזאגט, פסק'נט מען אין הימל אזוי.

ג' תשרי

## הרה"ק ר' ישראל ב"ר שלום שכנא זי"ע - מרוזין

### יחסו

דער הייליגער רוזינער זי"ע איז געווען א זון פון ר' שלום שכנא פון פרוביהטש, וועלכע איז געווען א זון פון ר' אברהם המלאך, וואס ער איז געווען א זון פונעם מעזריטשער מגיד, און זיין מאמע איז געווען א טאכטער פון ר' אברהם מ'קאריסטשוב און איידעם ביים מאור עינים.

(שיח"ק ח"ב כ)

### הללו עבדי ה'

אמאל פאר'ן דאווענען האט דער הייליגער רוזינער דערציילט מעשיות פון צדיקים אפילו עס איז שוין געווארן זייער שפעט, האט ער דאן געטייטשט אז עס שטייט אין פסוק "הללו עבדי ה' הללו את שם ה'", אז די פסוק וויל דא זאגן אז קודם דארף מען לויבן די צדיקים און דערציילן סיפורים פון זיי, און נאכדעם זאל מען זיך שטעלן דאווענען און לויבן דעם אייבערשטן, ווייל דורך סיפורי צדיקים איז מען מעורר די הארץ צו קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין.

(שיח"ק ח"ב שנ"ו)

### עבודתו בקודש

הרה"ק ר' אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע איז אמאל געפארן צום הייליגן רוזינער זי"ע, און ווי באקאנט האט די רוזינער געהאט אן אנדערע מהלך אין עבודת השם ווי רוב צדיקים, עס איז צוגעגאנגען מיט מלכות און מיט א באהאלטנקייט. און ווען ר' אייזיק'ל איז אנגעקומען אהין וואוסנדיג ווי גרויס די רוזינער איז, האט ער מורא געהאט אז אפשר וועט ער מהרהר זיין נאך די רוזינער אפילו נאר פאר איין מינוט, און דער צדיק וועט דאס מרגיש זיין און ער וועט אים חלילה מעניש זיין און פארווארפן פון ביידע וועלט, איז ער נישט געבליבן דארט אויף שבת, נאר ער איז גלייך אוועקגעפארן.

(שיח"ק ח"א שי"ח)

ג' חשון

## הרה"ק ר' אליעזר – מ'דזיקוב בן הרה"ק ר' נפתלי צבי מראפשיץ זי"ע

### ראה בחלומו

הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקובער זי"ע האט אמאל געטראכט אז ער וויל שרייבן א פירוש אויפ'ן ספר הק' נועם אלימלך, און מען האט אים געוויזן אין חלום אז אין הימל איז דא א גרויסן צימער פיל מיט פירושים אויפ'ן ספר נועם אלימלך, האט ער פארשטאנען פון דעם אז עס פעלט נישט אויס צו מאכן קיין פירוש אויף דעם.

(שיח"ק ח"ג ר"ז)

ר׳ אליעזר׳ל האט אמאל געבעטן פון זיין טאטע דער הייליגער ראפשיצע רב זי״ע אז ער וויל זוכה זיין צו זעהן דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך, און זיין טאטע האט דאס אים נישט געוואלט מבטיח זיין. איין טאג איז ער געקומען צו זיין טאטע דערציילן מיט איין שמחה אז ער האט די נאכט געזעהן דער רבי ר׳ אלימלך אין חלום, האט אים זיין טאטע געבעטן אז ער זאל אויס׳משל׳ן ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט, און ר׳ אליעזר׳ל האט אים אויסגע׳משל׳ט און עס האט טאקע געשטימט. האט אים זיין טאטע דער ראפשיצער געבעטן אז ער זאל אים דערציילן וועלכע מצוה ער האט געטון נעכטן וואס צו דעם האט ער זוכה געווען צו זעהן דער רבי ר׳ אלימלך, האט אים ר׳ אליעזר׳ל פארציילט אז נעכטן איז ער געגאנגען אין גאס און עס איז געווען גאר קאלט, און ער האט באמערקט ווי א איד וואקט ארום אן א מאנטל און ער ווערט פארפרוירן פאר קעלט, האב איך רחמנות געהאט און איך האב אים אוועקגעגעבן מיין מאנטל, האט דער ראפשיצער זיך אנגערופן אז עס מוז זיין אז דאס איז געווען ר׳ אלימלך׳ס אן אייניקל, וואס דורך דעם האסטו זוכה געווען צו זעהן זיין זיידן אין חלום. ווען מען איז דאס געגאנגען נאכקוקן, האט מען געזעהן אז דער איד איז טאקע געווען אן אייניקל פונעם רבי׳ן ר׳ אלימלך.

(שיח״ק ח״א קמ״ח)

המשך מעמוד יא

שבת איז די עבודה גרינגער, דעמאלטס איז טאקע א ענין פון מעין עולם הבא, מעין עולם הבא יום שבת מנוחה.

עולם הבא איז טייטשט די פלאץ ווי מען באקומט די שכר פאר די עבודה, ומחר לקבל שכרם, איז טייטש אז יעדן שבת, לויט וויפיל א מענטש ארבעט א גאנצע וואך, קען ער שבת גרינגער באקומען דעם שכר פון ׳נהנין מזיו השכינה׳, קען ער מער משיג זיין דעם אייבערשטן.

קומט אויס, מיר האבן דא צוויי חלקים וואס איז גרינגער שבת צו טרעפן דעם אייבערשטן, סיי מצד די מענטש אליין, די מענטש האט א נשמה יתירה, קען ער מער משיג זיין דעם אייבערשטן, איז אפילו ווען די וועלט זאל זיין די זעלבע ווי א גאנצע וואך; לדוגמא ווען די מענטש זאל באקומען זיין נשמה יתירה אינמיטן די וואך, וואלט ער אויך געקענט מער משיג זיין דעם אייבערשטן, אפילו די וועלט איז די זעלבע אבער ער איז מער, ער האט אין זיך א נשמה יתירה, קען ער מער טרעפן דעם אייבערשטן.

צווייטנס, די וועלט איז נישט די זעלבע. אפילו די מענטש זאל נישט האבן קיין נשמה יתירה, די וועלט אליינס איז מער העכער, מער אויסגעלייטערט, ס׳וויניגער מגושם ווי א גאנצע וואך, ס׳איז וויניגער מסתיר אויפ׳ן אייבערשטן, ממילא ווען ס׳קומט שבת קען דער מענטש גרינגער נענטער ווערן צום אייבערשטן מיט צוויי חלקים, סיי ווייל די וועלט איז וויינגער באהאלטן, און סיי ווייל דער מענטש האט א נשמה יתירה.

אויב אזוי דארף מען דאך אויסנוצן דעם טאג, פארשטייט מען אליינס וואס אונזער עבודה איז, מען דארף דאס טאקע אויסצונוצן, די דאווענען זאל זיין מיט מער כונה און געפיהל, מיט מער זוכן דעם אייבערשטן, די סעודת שבת, די גאנצע יום קודש היא מבואו ועד צאתו, טוען אונז פאר איין סיבה, ווייל דאס האט דער אייבערשטער געוואלט, מען זאל נענטער ווערן צו אים, און דאס איז דער ציל.

ס׳איז נישט גענוג וואס מען איז מקיים די מצוות פון שבת בפועל, פארשטייט זיך מען טוט נישט קיין מלאכות וכדו׳, נאר מען דארף טאקע זוכן אנצוקומען צו דעם פנימיות פונעם שבת, ״מהו שבת, שמא דקודשא בריך הוא״, די נאמען פונעם אייבערשטן, דאס איז די גאנצע שבת, א טאג וואס מען איז זיך מתבונן, און מען טרעפט דעם אייבערשטן אין די בריאה. דער אייבערשטער ליגט דאך אין די בריאה, נאר א גאנצע וואך איז עס פארשטעלט, מען זעט דאס נישט, יעצט ווען א מענטש טראכט אריין אין די בריאה, ווער האט עס באשאפן, און יעדע זאך וואס ער זעט, יעדע זאך וואס ער ווייסט.

פאר דעם טאקע, א גאנצע וואך ווען א מענטש עסט דארף ער אכטונג געבן ער זאל נישט מגושם ווערן, ס׳זאל אים נישט אוועקשלעפן פונעם אייבערשטן, משא״כ שבת איז א מצוה פון עונג שבת, פארקערט, די פסוק זאגט ״אם תשוב משבת רגלך וקראת לשבת עונג אז תתענג על ה׳״, וויבאלד די וועלט איז וויניגער מגושם, איז פארקערט, דורך די מצוה פון עונג שבת קען א מענטש אנקומען טאקע צו די ריכטיגע אז תתענג על ה׳, דורך זיך מתבונן זיין אין די בריאה, און פארשטייט זיך עסן מיט די כונה, אז דער אייבערשטער האט געהייסן זיך מתענג זיין לכבוד שבת, און ער וועט זען אז אין די וועלט געפינט זיך דער אייבערשטער, און מיט די כח פון זיין נשמה יתירה, און מיט די כח פון קדושה וואס ליגט אין די וועלט, וועט ער טאקע קענען טרעפן דעם אייבערשטן און נאנט ווערן צו אים, און בלייבן נאנט א גאנצע וואך.

און אזוי איז מיט יעדן טריט פונעם שבת. דער הייליגער רבי לערנט אונז אויס אין זיינע ספרים אסאך באריכות, דאס איז נאר די יסוד הדברים ווען מען הייבט אן צו רעדן וועגן שבת, מיר וועלן בעז״ה פרובירן ממשיך צו זיין אין די קומענדיגע וואכן צו רעדן ווייטער איבער די ענין פון שבת קודש, און ווי אזוי מען קען טאקע אנקומען צו דעם בסייעתא דשמיא.



# הליכות הלוי

**מנהגי והליכות כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע**


להערות והוספות נא להתקשר
עם מכון "עבודת הלוים"
718.451.8674 Ext. 847


## נטמא יד אחד

**יא.** אמר שיש לחוש לחומרא שגם כשנטמא יד אחד בלבד בנגיעה במקומות המכוסים וכדו' יטול את שתי ידיו (יד) [ב].

## הכניס היד לתוך הבית הכסא

**יב.** עיין הערה (ה) (טו).

## מקום שהוזמן לבית הכסא

**יג.** הורה לגבי מקום שהוזמן לבית הכסא, הגם שעדיין לא השתמשו בו (מחמת בניה וכדו') עכ"ז דינו כבית הכסא לגבי נטילת ידים (טז).

## נטילת ידים בתוך בית הכסא

**יד.** כשנסע בדרך הוכנו לו כלים עם מים לצורך נטילת ידים ביציאתו מבית הכסא, כי דקדק ליטול ידיו מחוץ לבית הכסא (יז) ונטל ידיו שם כדרכו במים הרבה.

### מעיינות הלוי

**יד)** כתב בסידור הרב (הל' נט"י אות יז), ואם נגע במקום מכוסה צריך לחזור וליטול ביד שנגע בה כהלכה עד הפרק.

ובכף החיים (סי' ד ס"ק פו) כתב בשם החיי אדם וז"ל, נגע ביד א' במקום מטונף, אין צריך ליטול אלא אותו יד, ואפילו באמצע סעודה וכו'.

אבל בספר יפה ללב (ח"ב סי' ז) כתב, דאפילו נגע באחד מכל אלה שצריך נטילת ידים בידו א', יש לו ליטול השתי ידיו, ושכן כתב בשל"ה והכי נהוג עלמא. וראה עוד בהערה הבא.

**טו)** דחיוב הנטילה בנכנס לביהכ"ס הוא מפני רוח רעה ששורה שם, ואם כן יש להסתפק בהכניס ידו לביהכ"ס האם חשיב כנכנס, ולכאורה תלוי האם ביאה במקצת שמיה ביאה, דהיינו כשנכנס קצת מגופו חשיב כאילו נכנס כולו. ובש"ס (יומא לא, א וזבחים לב, א) מבואר דשמיה ביאה. אבל בספר דעת תורה (סי' ד סי"ח) חידש דזה נאמר רק לענין נכנס למקדש ועזרה אבל לא להכניס ידו למקום טומאה, ולכן א"צ ליטול ידים.

אבל הבן איש חי בספרו שו"ת תורה לשמה (סי' כג) מחמיר, שאף אם ביאה במקצת לא שמיה ביאה שורה רוח טומאה על היד שהכניס שם, וכ"כ בשו"ת לב חיים (ח"ד סי' ב) דאפילו נגע באחד מכל אלה שצריך נטילת ידים בידו אחת, יש לו ליטול השתי ידיו, ושכן כתב בשל"ה, והכי נהוג עלמא, עכ"ל. ולענין דינא יש לפסוק כסברא א', והמחמיר כסברא אחרונה תבא עליו ברכה, עכ"ל. הובא בכף החיים (ס"ק סו).

ויש להוסיף עוד כי יש פוסקים [כף החיים שם אות סז, סה] שמחמירים ליטול הידים על השהייה בבית הכסא גם בלא עשיית צרכיו.

**טז)** כתב בשו"ע (סי' פג סעיף ב), הזמינו לבית הכסא ועדיין לא נשתמש בו, מותר לקרות כנגדו אבל לא בתוכו. ובשו"ע הרב (ס"א) כתב, ואם נשתמש בו רק פעם אחת, תו הוי בית הכסא ישן ואיסורו מן התורה. ועיין מש"כ בביאור הלכה (ד"ה הזמינו), וכל שכן בכהאי גוונא שדינו כבית הכסא גמור.

**יז)** בשו"ע (סי' ד סי"ח) מובא חיוב נטילה ליוצא מביהכ"ס משום רוח רעה ששורה שם. ולענין ביהכ"ס דזמננו שהצואה נשטפת מיד עם זרם מים, דנו האחרונים אם נוהג בו דין ביהכ"ס שלא יועיל בהם הנטילה, או שמא כיון דאין הצואה נשאר שם, כי נופל דרך הילוכו לחוץ ואין שם ריח רע, דינו כבית הכסא דפרסאי שאין שולט שם רוח רעה, והנכנס לשם אין חייב בנטילת ידים.

וכתב בשו"ת תפארת נפתלי (סי' ג וסי' מט אות ג), לענין מחיצות של ביהכ"ס שבמרכבת הברזל [באן], שאל את הרה"ק מנאסויד זי"ע ואמר לו להקל מטעם ביהכ"ס דפרסאי.

### עבודת הלוי

(ה) לפעמים נטל ידיו כשיצא מבית הכסא גם כשלא עשה צרכיו, אלא נכנס שם מחמת איזה סיבה אחרת.

### בארות הלוי

**[ב]** יש טועים, שכשהם נוגעים רק ביד אחת בדבר טמא, נוטלים או מחככים את אותו היד בלבד, ובאמת אין הדבר תלוי באיזה יד נגע, אלא בכל אופן שנוגע צריך ליטול את שתי הידים (עי' כף החיים סי' ד' ס"ק פו). ואין לסמוך לכתחילה לטהר הידים בחיכוך באבן וכדומה, כי זה נאמר רק בשעת הדחק אם אין לו מים, אבל אם יש לו מים צריך ליטול ידיו כדין (שיח"ק ח"ב עמ' רפ).

## נגיעה בניירות שהיו בבית הכסא

**טו. החמיר לעצמו** (מצד מידת חסידות) **שלא ליגע בניירות שהיו בתוך בית הכסא** יח).

### סימן ה'

# טהרת הטבילה במקוה

## מעלת ונחיצות הטבילה

**א. השריש ועורר מאוד בתלמידים חשיבות ונחיצות הטבילה במקוה** (א) **בבוקר, שהוא אחד מעיקרי היסודות שהנהיג הבעש"ט ותלמידיו הק' זי"ע ליסוד גדול והכנה לתפלה כראוי, וקיימוהו מתוך מסירות נפש, והפליגו בגודל ערכו שמבטל כל כוחות הטומאה, ונחשב כתענית יום שלם, וכשטובל היא עת רצון גדול לפעול ישועות [א], ונתעלה בהרבה מעלות ומדרגות בקדושה** א) **ובתורה ועבודה** ב).

### מעיינות הלוי

אבל בשו"ת לבושי מרדכי (ח"ב סי' קפב, וח"ג סי' יח) החמיר בזה. ובספר אות חיים ושלום (סי' מג סק"א) הביא בשם אביו בעל הדרכי תשובה זצ"ל שדעתו היתה להקל, כיון שהחפירה תחתיו אינו קבוע בארץ, וגם אותם שיש להן בית קיבול הוא עתיד לפתחו ולהוריקו, ואם כן עדיף מביהכ"ס דפרסאי וכו', אם כי לעצמו היה מחמיר מעולם ולא רחץ שם ידיו, כי הולכנו אתנו בדרך מים לצורך זה. וכ"כ בדרכי חיים ושלום (אות צא). ועיין בשו"ת משנה שכיר (סי' קמז).

**יח)** כ"כ בספר חסידים (סי' תתכג) הובא בהגהות רעק"א (סי' ד סק"ז בשם אליה רבא סי' ז סק"א), לקח בידו קנוח לקנח וראה שאין צריך לביה"כ ולא עשה צרכיו, אף על פי כן לא יגע בספרים עד שירחץ ידיו, ע"כ. ומפ' שם בביאורים כוונתו, שאפילו לא נכנס לביהכ"ס, דכשנכנס לביהכ"ס הרי על הכניסה לבד, שורה עליו רוח רעה כמבואר בזוה"ק.

**סימן ה**

**א)** כתב האריז"ל בשער רוה"ק (עמ' מא) א"ל הר"י סאגיש בשם מורי ז"ל ששמע ממנו, כי אין דבר יותר מוכרח וצריך אל האדם לענין ההשגה כמו הטבילה, שצריך שיהיה אדם טהור בכל עת.

וכתב בראשית חכמה (שער הקדושה פרק יז אות צב), ראשונה צריך שיטבול במקוה מ' סאה כדי לטהר עצמו מטומאת החיצונית הארורה וכו', ובמעלות הטבילה כו' מסגולתה הוא להחזיר הנשמה למקומה וכו'.

ובספר ליקוטים יקרים (סי' קעח) כתב, אמרו על רבי ישראל בעש"ט ע"ה שזכה לכל הטהרה והמדריגות שהיו לו מחמת המקואות שהיה מתמיד מאוד בטבילות, עכ"ל. ובסי' קצ"א שם מביא את צוואתו של הבעש"ט (סעיף ג)שכתב וז"ל, לעשות טבילה כל מה שיוכל, ובפרט בעת הצורך וכו'.

ובספר בעש"ט (פ' יתרו מקור מים חיים אות יח) כתב, שהרב ר' משה מזוועהיל ז"ל אמר בשם אביו הרב ר' יחיאל מיכל מזלאטשוב ז"ל ששמע מפה קדוש הבעש"ט ז"ל שאמר בזה הלשון, פעלתי אצל ה' יתברך שהטבילה שאדם טובל את עצמו במקוה בבוקר, יהיה נחשב לפני הקב"ה כמו תענית יום אחד, עכ"ל.

ובספר פרי קודש הילולים (שער השבת פ"ג עמ' קיג) כתב, קבלנו מרבותינו בשם הבעש"ט הק' אשר פניה וגדלות לא יזיק לכוונת המקוה, אחר שהמעשה גורמת בעצמה טהרה, וכן הדין בצדקה.

**ב)** כמה טעמים נאמרו על עצם הטבילה, בשלה"ק (שער האותיות אות טבילה) כתב ע"פ הגמרא (ב"ב קסד, ב) שאין אדם ניצול ממחשבות רעות בכל יום, וגם על מחשבה רעה צריך טבילה.

ובראשית חכמה (שער האהבה פי"א אות כב) כתב, הטהרה ע"י הטבילה, סיוע גדול לידבק האדם נפשו באלקיו ובעבודתו, עכ"ל.

ובחתן סופר (שער טהרת הידים סי' ד) כתב ענין המקוה, משום חשש טומאת הגוף בלי ידיעה, ואף דמצד ההלכה אינו טמא, אבל פגם בנפש מיהא הוי, ומי יאמר זכיתי לבי, על כן ראוי לטבול בכל יום.

ובשו"ת משפטיך ליעקב (סי' י) כתב בשם הרה"ק מבעלז זי"ע שאמר המקור לטבול בכל יום ממשנה מפורשת (אבות פ"ב מ"י) שאמרו ושוב יום אחד לפני מיתתך, ובמג"א הלכות יוהכ"פ (סי' תרו סק"ד) כתב דטעם הטבילה בערב יו"כ משום תשובה, אלמא דמי שרוצה לשוב בתשובה צריך טבילה. ועפי"ד הרמ"א (יו"ד סי' רסח סי"ב) שישראל מומר צריך לטבול מדרבנן כשעשה תשובה, וכשאדם מפשפש במעשיו בכל יום בקומו בבוקר והוא בוש ונכלם מהם, המקוה מועיל לטהר הנפש מטומאתה כטבילת גרים ובעלי תשובה.

ובלקוטי תורה לבעל התניא (פ' תבא דף מג עמוד ב,ג) כתב, והנה קודם התפלה צריך כובד ראש שהוא המרירות, על שאין בחינת 'ישראל לי ראש' מאיר בו בגילוי, מחמת עונותי עברו ראשי. וזהו בחינת כובד ראש, והיינו שיבא לידי הכנעה והשפלות ופחיתות עצמו במוח בידיעה היטב, ואין צריך שיהיה בלב דוקא, ולא כמו שסוברים העולם שקודם התפלה יוכל להיות טמטום הלב וכו'.

וג' דברים הם להסיר כל המונעים בתפלה, א' מקוה וכמו שמצינו במשנה סוף פ"ח דיומא (פה,ב) מה מקוה מטהר וכו', שלדברי הכל התפלה מקובלת יותר עם הטבילה. ויש לומר קצת טעם לזה מאי שנא תפלה מתורה, והוא ע"פ גירסת הירושלמי במשנה (סוטה פ"ט הי"ד) הטהרה נטלה את הריח. וכן בגמרא דידן בסוטה (מט, א) וכו' דבחינת ריח דוקא נמשך מענין הטהרה, והוא משום כי ענין טומאה וטהרה הוא בחינת מקיפים, ועל כן שייך הטהרה דוקא לענין הריח שהוא ג"כ בחינת מקיף וכו'. והנה התפלה היא במקום קרבנות והיא ג"כ בחי' ריח ניחוחי, ולכן אמרו לבעל החוטם אני מתפלל כמ"ש בזוהר ח"ג (נשא דף ק"ל ע"ב). וכיון שכן, לכן צריך לזה טהרה כנ"ל, שהטהרה שייך לבחינת ריח וכו' על כן לדברי הכל התפלה מקובלת יותר עם הטבילהוכתב בספר מגיד תעלומה (ברכות יח,ב) דסגולה נפלאה קודם לימוד התורה לטבול במקוה טהרה דנעשה כבריה חדשה. ובשו"ת בני ציון (ח"א סי' י)כתב הטעם משום תוספת קדושה, כטבילת כהן גדול ביוהכ"פ כשמשנה מקודש לקודש.

ובספר דברי תורה (ח"ג אות כ) כתב, שמעתי מפה קדוש אאמו"ר מפה קהלה [הדרכי תשובה ממונקאטש] זי"ע, כי בימי עלומיו היה לו ויכוח עם האברך חריף ובקי אחד מתנגד גדול לדרכי החסידות, ושאלו הנזכר היכן מצינו בדברי חז"ל או בדברי הפוסקים, שיהיה מועיל טבילה לתוספת קדושה גם למי שהוא טהור היינו בלא טומאת קרי וכו', אבל מנין לכם חסידים לטבול בכל יום בבוקר כמו חוק ולא יעבור, ובעל כרחך הוא גם למי שאינו צריך לטהר מטומאת הנזכר לעיל.

והשיב לו אאזמו"ר הנזכר לעיל על אתר, שהוא שורש ויסוד לדבריהם מלשון הרמב"ם ז"ל (סוף הל' מקואות פי"א הי"ב), דבר ברור וגלוי שהטומאות והטהרות גזירת הכתוב הן וכו', וכן הטבילה מן הטומאות מכלל החוקים הו,א שאין הטומאה טיט או צואה שתעבור במים, אלא גזירת הכתוב הוא, והדבר תלוי בכונת הלב וכו', ואעפ"כ יש רמז בדבר כשם שהמכוין לבו לטהר כיון שטבל טהור, ואע"פ שלא נתחדש בגופו דבר, כך המכוין לבו לטהר נפשו מטומאות הנפשות שהן המחשבות האון ודיעות הרעות, כיון שהסכים בלבו לפרוש מאותן העצות והביא נפשו במי הדעת טהור וכו'.

והרי זה שורש למה שכתבו תלמידי הבעש"ט הק' זי"ע כי הטבילה במקוה מועלת לבטל המחשבות רעות הן וכיו"ב, ומה שיטבול במימי הדעת יוסיף טהרה בדעתו, אע"פ שא"צ לטומאת גופו כנזכר, רק לטהרת דעתו להוסיף קדושה וטהרה וכו', עכ"ל. וראה עוד להלן (הערה ח).

המשך הערות בעמוד כה

# אבותינו ספרו לנו

**זכרונות ועובדות מאנשי שלומינו בצל קדשו של רביה"ק זי"ע**

## הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א (ד)

**ר"מ בישיבתינו הק' רבות בשנים ומחשובי תושבי קריתינו הקדושה**

### ס'קומט נישט פון קיין רוח הקודש

ווי שוין דערמאנט האט רבינו הקדוש זי"ע אפטמאל געהאט שיינע שמועסן מיט די בחורים פאר'ן דאווענען. איך געדענק איינמאל א שמועס ווי דער רבי האט געשמועסט איבער הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, אז ער איז געווען אן איש מופת, און האט דערמאנט פארשידענע מעשיות. האט זיך דער רבי נאכדעם אנגערופן "דער זיידע איז דאך אויך געווען ידוע אלס א בעל מופת", און דער רבי האט דערציילט עטליכע מעשיות פלאים וואס האבן זיך אפגעשפילט ביים זיידן דער הייליגע סבא קדישא זי"ע.

דער רבי האט אויסגעפירט אז "דער זיידע איז נתגלה געווארן ווען ר' ישעי'לע איז אוועק..." ווי צו זאגן אז אין יענעם געגענט האט ער איבערגענומען דעם כח צו משפיע זיין ישועות פאר אידישע קינדער.

ביי א צווייטע געלעגנהייט האט דער רבי זיך געגעבן א דרוק אויס נאך א שטיקל מוסר שמועס "ווען א בחור זאל וויסן וואס איך זע אויף אים, וואלט ער זיך געשעמט צו קוקן אין מיין פנים אריין, ער וואלט זיך געשעמט צו קומען פאר מיר..." און ער האט צוגעלייגט "ס'קומט נישט פון קיין רוח הקודש, נאר פון דעם אז איך בין מתפלל ביי אתה חונן אז איך זאל זען אויף יעדן איינעם, אויף יעדן בחור, וואס ער איז..."

### מתפלל מנחה שתים

אין די אנהייב למ"ד יארן, אין די סאמע ערשטע תקופה ווען איך האב געלערנט דא, האט דער רבי נישט געדאווענט אזוי שפעט, און צומאל האט דער רבי געדאווענט שחרית אפילו פאר חצות היום, און שפעטער געדאווענט מנחה-מעריב אינאיינעם ביים זמן צאת הכוכבים.

אן אינטערעסאנטע נקודה וואס איך געדענק איז געווען, אז ווען ער האט יא געדאווענט שמונה עשרה נאך חצות היום, פלעגט ער זאגן פאר די בחורים וואס האבן מיטגעדאווענט מיט זיין מנין אז די ערשטע שמונה עשרה זאל מען אינזין האבן אז דאס איז פאר מנחה, כמבואר אין שו"ע (או"ח סימן ק"ח סעיף א') "טעה או נאנס ולא התפלל שחרית מתפלל מנחה שתים, הראשונה מנחה והשניה לתשלומין", און מען זאל דאווענען תיכף נאכן דאווענען נאך א שמונה עשרה פאר שחרית.

כאטש עס שטייט דאך אז מ'זאל דאווענען די צווייטע שמונה עשרה תיכף נאך די ערשטע, האט דער רבי קודם געענדיגט דאס גאנצע דאווענען, געזאגט א ספר תהלים, כמנהגו בקודש אין יענע צייט, וואס האט גענומען ארום א דריי-פערטל שעה, און ערשט נאכדעם געדאווונט נאך א שמונה עשרה.

איידער די צווייטע שמונה עשרה פלעגט דער רבי אויסרופן הויך "שחרית!" צו קלארשטעלן אז דאס איז פאר תפילת שחרית.

אינטערעסאנט צו באמערקן אז דער רבי, אלס בעל תפילה, האט ביי חזרת הש"ץ פון דעם 'שחרית מנחה' געזאגט ברכת כהנים, וואס בעצם זאגט מען דאס אין א געווענליכן טאג נאר ביי שחרית, האט ער יא געזאגט הגם עס איז שוין געווען אין מנחה צייט, אפילו מען האט עס שוין אויך געהאט געזאגט ביים ערשטן (שחרית) שמונה עשרה, ווייל הלכה'דיג איז עס די שחרית'דיגע שמו"ע.


**אויב האט איר א מעשה**
**צו פארציילן פון רבינו הקדוש זיעועכ"י**
אדער איר ווייסט פון א מענטש וואס האט צו פארציילן

ביטע לאזט א מעסידש אויף
קול איחוד טאהש
718-451-8674
און דרוקט 842

צום באמערקן אז פריטאג, כאטש מען האט אויך געדאווענט שפעט שחרית, האט מען נישט געדאווענט נאכדעם קיין מנחה, נאר ערשט שפעטער ווען דער רבי איז אריינגעקומען צו הודו, און דעמאלט האט דער רבי נישט געזאגט "שחרית", און נישט געזאגט ביי הויכע שמונה עשרה קיין ברכת כהנים.

## אמירת ספר תהלים שבת אינדערפרי

דאס אז דער שחרית איז דעמאלטס נישט געווען אזוי פארשלעפט האט לכאורה געהאט צוטון מיט דעם אז דער רבי האט נאך דאן נישט אויסגעזאגט גאנץ תהלים יעדן טאג. דער רבי האט שוין יא אויסגעזאגט א גאנצן ספר תהלים, ווי דערמאנט, אבער נישט דאס גאנצע תהלימ'ל, אזוי אז די הכנות צום דאווענען זענען געגאנגען שנעלער.

שפעטער, ווען דער רבי האט אנגעהויבן אויסצוזאגן גאנץ תהלים, איז עס געווארן שפעטער. אבער דאס תהלים זאגן איז געווען אן עבודה למעלה מהשגתינו. איך געדענק שבת אינדערפרי ווען דער רבי איז אריינגעקומען ארום האלב ניין, איז נאך דער ביהמ"ד געווען היפש ליידיג. מען האט פארענדיגט דעם טיש גאנץ שפעט, אין די זומער וואכן האט עס געקענט זיין האלב פיר פארטאגס, און קוים עטליכע שעה דערנאך איז שוין געווען תהלים, אזוי אז עס איז ממש געווען גאר א קליינער חלק פון די בחורים וואס זענען געקומען מיטהאלטן דאס תהלים זאגן.

פשוט צו פארשטיין ווי שווער עס איז געווען, איז די מציאות געווען אז דער רבי אליין פלעגט כמעט איינשלאפן אינמיטן. דער רבי האט געריסן פון זיך שטיקער, כאטש עס איז געווען א שווערע עבודה. איך האב באקומען די חזקה צו משמש זיין דעם רבי'ן דעמאלטס, וויבאלד די אנדערע זענען בכלל נישט דארט געווען, אזוי אז ווען דער רבי האט געשפירט אז ער שלאפט איין האט ער מיר געווינקען און מיר געהייסן אריינברענגען דעם זילבערנעם טעפל פון נטילת ידים, און עס אנפולן מיט אייז-קאלטע וואסער.

דער רבי האט ארויפגעצויגן די ארבל און איינגעטונקען זיינע הענט, אז דאס זאל אים האלטן וואך, און אזוי ווייטער געזאגט תהלים. אויב דער רבי האט געשפירט אז דאס וואסער איז שוין נישט אזוי קאלט און עס טוט שוין נישט די ארבעט, האט ער מיר געוויזן עס איינצוטוישן אויף פרישע...

> **"איך גיי מיר ארויס מיט א מנין אויב עס קען נישט זיין שטיל... איך קען נישט דאווענען מיט'ן עולם מיט דאס רעדן ביים דאווענען..."**

## די עבודת הקודש ביי פסוקי דזמרה

די אויסטערלישע הייליגע עבודה פון פסוקי דזמרה איז אנגעגאנגען מדי יום ביומו. איך געדענק יעדן טאג ווען מען האט מיטגעהאלטן דאס דאווענען, אז ווען די בחורים האבן שוין געענדיגט דאס קאפיטל, עס איז שוין געווארן שטיל און דער רבי האט אנגעהויבן 'אויסצולאזן' דעם שטיקל, האט ער געקענט אנהייבן פון ממש אנהייב. ביי אשרי איז עס אפטמאל געווען ביי "תהלה לדוד ארוממך"...

עס האט אין א פשוט'ן וואכנדיגן טאג געקענט נעמען א דריי-פערטל שעה פון הודו ביז שמונה עשרה! ווער רעדט נאך פון שבת, ווען עס האט געקענט דויערן א שעה-א-האלב פון הודו ביז שמונה עשרה. אין די שפעטער'דיגע יארן, ווען דער רבי האט מער געשפעטיגט און מען האט זיך געיאגט, האט עס גענומען בלויז פופציג מינוט.

אגב, איך געדענק איין ערב פסח שחל להיות בשבת ווען דער רבי האט שטארק געשפעטיגט און מען האט נאך געדארפט אריינכאפן א סעודה פארן סוף זמן אכילת חמץ, איז דער רבי אליינס צוגעגאנגען צום עמוד, און עס האט גענומען בלויז פינף און דרייסיג מינוט פון הודו ביז שמונה עשרה... דעמאלטס האט דער רבי זיך געוואשן צו די סעודה בערך א האלבע שעה פארן סוף זמן, און דאס בענטשן איז שוין געווען נאכן סוף זמן אכילת חמץ.

## נע ונד דריי חדשים צו באצאלן די חובות

צווישן די געסט וואס זענען רעגלמעסיג געקומען בימים ההם מיטצוהאלטן שבתים, איז געווען **האדמו"ר מצאנז-זמיגראד זצ"ל** בעל ארי' שאג. איינמאל ווען ער איז דא געווען אויף שבת, אין די צייט ווען דער רבי איז ארויסגעגאנגען אויף א קורצע הפסקה פאר'ן לייענען, האט מיר דער גבאי **הרה"ח ר' בנימין זאב זוסמאן ע"ה** געגעבן א רוף צו, און ער זאגט מיר "דו זעסט דעם זמיגראדער רבי'ן? דער זמיגראדער רבי איז נאך געקומען צום רבי'ן אין מאנטריאל אויך. איינמאל ווען ער איז געקומען צום רבי'ן אין מאנטריאל, האט דער

רבי צוזאמענבארגט אסאך געלט פון די שטאטישע אידן - דאס איז געווען נאך פאר דער רבי האט געהאט דאס שטעטל מיט די ישיבה - און ער האט עס אים געגעבען".

און ר' בנימין זאב זאגט מיר אזוי ווייטער "מ'האט דאך געדארפט באצאלן דאס געלט... דער רבי איז ארומגעפארן מיט מיר דריי חדשים, מיר זענען געגאנגען נע ונד ווי אורחי פרחי, איבערגעלאזט די ווייב און קינדער, צו באצאלן די חובות..."

ביי א צווייטע געלעגנהייט ווען דער זמיגראדער רבי איז דא געווען אויף א שבת, איז אויך דא געווען **הגה"צ רבי יעקב דוד קליין זצ"ל**, דער טאבער רב פון מאנטריאל. ביים מיטאג טיש, ווען דער רבי האט געפירט אין די סוכה, דעמאלטס איז עס נאך געווען אסאך קלענער ווי היינט, איז דער טיש נישט געווען גענוג ברייט אז אלעביידע זאלן קענען זיצן אויבן אן נעבן רבי'ן... ס'איז נישט געווען גענוג פלאץ פאר דריי בענקלעך.

ווען דער רבי האט דאס געזען, האט ער געהייסן מען זאל ברענגען א באנק, און ער האט זיך געזעצט אויפ'ן באנק אינמיטן, און די צוויי רבנים זענען געזעצן פון די זייטן, איין זייט דער טאבער רב, און איין זייט דער זמיגראדער רבי... עס איז אים בכלל נישט אנגעגאנגען צו עס איז גענוג בכבוד'דיג און צי עס פאסט.

מענין לענין, דאס וואס מיר האבן דערמאנט פארגאנגענע וואך אז דער רבי פלעגט זיצן אויף א פשוט'ן בענקל אין ביהמ"ד און ערשט שפעטער האט מען אים צוגעשטעלט א שטול, איז נאר געווען אין ביהמ"ד. אינדערהיים איז דער רבי ווייטער געבליבן זיצן אויף א געהעריגן 'דיינונג רום בענקל' פונקט ווי די אנדערע וואס זענען געווען דארט אין צימער, ביז גאר אסאך יארן שפעטער ווען דער רבי איז שוין געווען עלטער וואס דעמאלטס האט מען אויך דארט אריינגעשטעלט א שיינעם רבי'שן שטול.

## איך גיי מיר ארויס מיט א מנין

צוויי מאל א יאר איז די גאנצע ישיבה געפארן אויף שבת קיין ניו יארק מיטן רבי'ן, איין שבת אין בארא פארק און איין שבת אין וויליאמסבורג.

איינמאל געדענק איך איז געווען ביים שבת אין בארא פארק, פרייטאג צונאכטס ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה פון ערב שבת, האט זיך געטון א שטיקל געדרעדעכטס ביים דאווענען, מ'האט ארומגעשמועסט, און ס'האט זייער געשטערט פארן רבי'ן. דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט רעדן תיכף נאך שטילע שמונה עשרה, נאך פאר דער בעל תפילה האט אנגעהויבן הויכע שמונה עשרה, און אויפגעפאדערט מיט גאר שארפע ווערטער איבער די הארבקייט פון רעדן בשעת התפילה.

צווישן די ווערטער האט דער רבי געזאגט "איך גיי מיר ארויס מיט א מנין אויב עס קען נישט זיין שטיל... איך קען נישט דאווענען מיט'ן עולם מיט דאס רעדן ביים דאווענען..." און דער רבי האט ערנסט געהאלטן ביים מקיים פסק זיין, נאר מען האט זיך איינגעבעטן ביי אים אז ער זאל בלייבן, און מען וועט זיכער מאכן אז עס איז גענצליך שטיל משך די גאנצע צייט פון די תפילות.

אגב, ס'איז געווען אנהייב ווינטער ווען דער זמן איז גאר פרי, און בערך זעקס אזייגער איז שוין געווען דער זמן צאת הכוכבים. די דרשה האט אזוי לאנג געדויערט, אז ווען דער רבי האט געענדיגט די דרשה איז שוין געווען פינף מינוט נאכן זמן... אבער דער רבי איז יא צוגעגאנגען און אליין פארגעדאווענט הויכע שמונה עשרה, וואס איז געווען א חידוש דעמאלטס, ווייל אין יענע יארן האט דער רבי בדרך כלל נאכנישט געדאווענט מנחה אזוי שפעט.

דער טאהשער נוסח פון שלש סעודות וואס עס איז איינגעפירט ביי אונז עד היום, האט זיך אויך אויסגעפארעמט ביי איינע פון די בארא פארק'ער שבתים. ביז דעמאלטס האט דער רבי געזאגט היבש א אנדערן נוסח אויף די זמירות, אבער ביי איינע פון די שבתים דארט האט דער רבי פלוצלינג אנגעהויבן דעם נוסח, דער נוסח וואס זקינו דער הייליגער סבא קדישא זי"ע פלעגט זאגן די זמירות, און טאקע פון דאן אן זינגט מען עס יעדע וואך.

**המשך יבא בעז"ה**



המדור הזה נתנדב
לזכרון ולכבוד נשמת
הרה"ח ר' **אלימלך**
ב"ר **חיים** ז"ל משב"ק
על ידי בנו היקר
מוקיר זכרו הרה"ג ר'
**יעקב קליין** שליט"א
מו"ץ בקריתינו
הקדושה



# אור לישרים

**זכרונות מאנשי שלומינו שהלכו לעולמם**

## הרה"ח ר' אלימלך קליין ז"ל (ד)

### משב"ק ויד ימינו של רביה"ק זי"ע רבות בשנים

**י"ב תשרי תש"ס**

## קירוב לבבות

נישט נאר אין גשמיות'דיגע הינזיכטן האט זיך ר' אלימלך געזארגט פאר אנדערע, נאר אויך אין רוחניות'דיגע ענינים האט ער פרובירט צו העלפן כפי שידו מגעת, ווי א ריכטיגער אוהב ישראל ומקרבן לתורה. אויב ער האט אמאל באגעגנט א איד וואס איז ליידער נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות, האט ער איינגעבלאזן אין זיי טללי תחיה און פרובירט זיי מקרב צו זיין צום אמת'ן דרך, געריעדט צו זייער הארץ, און איינגעבלאזן אין זיי עמערס ווארעמקייט צו תורה און יראת שמים.

ר' אלימלך איז אמאל איינגעלאדענט געווארן צו א שמחת בר מצוה פון א קינד פון א פרייע משפחה ר"ל, וואו די גאנצע בר מצוה איז באשטאנען פון א בלויזע צערעמאניע אן קיין שום קשר צו קבלת עול תורה ומצוות. עד כדי כך אז זייי האבן פארגעסן אינזינען צו האבן א פאר תפילין, ר' אלימלך האט זיך איינגעגלייגט אין די לענג און אין די ברייט צו שאפן א פאר תפילין פארן בר מצוה בחור. די סעודת בר מצוה איז געווען באשטימט אויף א זונטאג, און יענעם גאנצן מוצאי שבת איז ר' אלימלך געווען פארנומען זעהן ווי מען קען נאך שאפן א פאר תפילין אין די קורצע צייט ביז ער האט בסייעתא דשמיא מצליח געווען צו שאפן א מהודר'דיגע פאר, וואס ער האט עווענטועל באצאלט מיט זיין אייגן געלט!

עס פארציילט א איד וואס עס האט זיך געדרייט אין יענע תקופה, ווען אחינו בני ישראל הספרדים האבן אנגעהויבן קלאפן אויף די קלאמקע פון רבינו הקדוש זי"ע, די ספרדים פלעגן קומען אין די מאסן מיט זייערע פאמיליעס, ווייבער און קינדער, און דאס האט צוגעברענגט אז עס האט פארשוועורט פאר אנשי שלומינו אריינצוגיין אל הקודש פנימה.

פילע חסידים האבן זיך געפילט באקריוודעט און האבן געהאט טענות, "היתכן? זיי זענען דאך קום שומרי תורה ומצוות, און זיי האבן א דין קדימה פאר אונז- תלמידים פונעם רבין?"

באזונדער איז דער צארן געווען אויף ר' אלימלך, וועמען מען האט באשולדיגט אין פארדינען גרויסע געלטער פון די ספרדישע אידן, און דערפאר איז ער אזוי געטריי צו זיי.

איינע פון די נעכט האבן א גרופע אנשי שלומינו געווארט אריינצוגיין, אינאיינעם מיט עטליכע ספרדים. דער שמועס צווישן די חסידים האט זיך געדרייט ארום די טענות קעגן ר' אלימלך, נישט באמערקנדיג אז ר' אלימלך אליין שטייט אין א זייט און הערט זיך צו צו זייערע שמועסן פונדערנאנט.

אבער שפעטער האט ר' אלימלך אריינגערופן איינע פון די אידן אין קיך און הייבט אן עפענען זיין הארץ "איך הער וואס מען בארעדט מיר און איך האב א מורא'דיגן צער דערפון, די אפרעדער האבן נישט די מינדעסטע השגה איבער וואס זיי רעדן. איך בין מסופק אויב איך זאל זיי אפילו ענטפערן, זיי זאלן וויסן אז די מוסדות האבן נישט קיין שום טובת הנאה פון די אידן און זענען נישט נהנה קיין שוה פרוטה; אפגערעדט אז איך פערזענליך האב גארנישט פארדינט אין גשמיות'דיגן זין פון זיי. די איינציגסטע סיבה פארן רבין'ס ווארעם הארץ צו זיי איז ווייל ער קוקט זיי אן ווי 'תינוקות שנשבו' - פארבלאנדזשעטע נשמות וואס ווייסן נעבעך גארנישט פון אידישקייט".

"דער רבי נוצט אויס די געלעגנהייטן זיי מחזק צו זיין אין שמירת שבת, ער טרעפט א וועג אריינצוגיין אין זייערע הערצער און זיי מקרב זיין לאבינו שבשמים. פילע פון די אידן זענען שוין צוריקגעקומען צום אויבערשטנס שויס א דאנק די ווארעמקייט פונעם רבין, וואס האט אריינגעשיינט אן אור אין זייערע הערצער, און אויף דעם האט איר טענות?"

פון דארט איז ר' אלימלך צוריק אריין אין ווארט-צימער, און טראץ זיינע פילע טירדות האט ער זיך אראפגעזעצט אויסהערן זייערע טענות. ער האט זיי מסביר געווען דעם ענין און אויפגעקלערט די מיספארשטענדנישן, און אזוי ארום אויסגעגראדעט די טענות און פארשטילט די העצע און הוצאת לעז.

נאך פארציילט א איד: פאר יארן לאנג בין איך געווען איינגעשטעלט ביי איינע פון די ישיבות גדולות אין ברוקלין. צווישן די תלמידים איז געווען א בחור וואס האט זיך געמוטשעט מיט פארשידענע שוועריגקייטן און שוואכקייטן, וואס האט געפירט דערצו אז ער זאל ארויספאלן פון די סביבה. ער האט זיך אויך געמוטשעט מיט די לימודי הישיבה, און אלס רעזולטאט איז די מצב נאר ערגער געווארן. די הנהלת הישיבה האט נישט געוואוסט וואס צו טון מיט דעם שווערן מצב, סיי צוליב די השפעה וואס ער האט געהאט אויף די אנדערע בחורים און סיי צוליב דעם מצב הישיבה בכלליות.

בצר להם, ווען די הנהלת הישיבה האט נישט געוואוסט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן, איז דעם אויבערדערמאנטן מגיד שיעור בייגעפאלן זיך צו ווענדן צו זיין גוטן חבר ר׳ אלימלך, מיט וועמען ער איז געווען גאר נאנט, און ער האט באשלאסן זיך צו ווענדן צו אים לעצה ותושיה.

ער האט טאקע אזוי געטון און אנגערופן ר׳ אלימלך, פארציילנדיג אים די גאנצע השתלשלות, סיי וואס דער בחור גייט דורך בנפשיות, און סיי די פילע ליידן פון די ארומיגע און דעם גאנצן מצב הישיבה וואס ליידט אלס רעזולטאט.

ר׳ אלימלך - וואס האט גלייך געגומען אויף זיך די פראבלעם ווי א אייגענע - האט אים מייעץ געווען, "ברענג אים צום רבין! איך וועל פערזענליך שתדל'ן פאר אים און אריינגיין מיט אים צום רבין, "גלייב מיר, ווי נאר ער וועט זיך אויסרעדן פארן רבי'ן, וועט אלעס ווערן מסודר", האט ער אים געמוטיגט.

אזוי האבן זיי טאקע געטון. ר׳ אלימלך האט פערזענליך אפגעווארט די בחור און צוגעשטעלט א פעטע סעודה פארן בחור'ל, און מיט זיסע אוןווארעמע רייד אריינגעקראכן אין זיין צובראכן הארץ. צווישן אנדערע האט ער אים צוגעזאגט, אז ער וועט אים פערזענליך באגלייטן ווען ער וועט אריינגיין צום רבי'ן.

דער רבי האט אים שוין אפגעווארט, נאכדעם וואס ר׳ אלימלך האט אים פון פאראויס געמאלדן איבער דעם באזוך און די ספעציעלע חיזוק וואס ער נויטיגט זיך. דער רבי האט ארויסגעוויזן א ספעציעלע שטארקע התקרבות און געשמועסט מיט אים א לענגערע צייט דברי מוסר והתחזקות; ער האט געלערנט מיט אים ספרי חסידות און אים שטארק מחזק געווען מיט הייליגע ווערטער, גחלי אש, ביז ער האט אנגעווארעמט דעם בחור צו תורה ויראת שמים.

ווי נאר ער איז ארויסגעקומען פונעם רבינ'ס צימער, האט זיך גלייך דערקענט א שינוי לטובה אין אלע ענינים. ווי א בריה חדשה האט ער אנגעהויבן פון דאסניי, און שפעטער חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שטוב לתפארת.

ווען איך זעה דעם יונגערמאן - וואס איז שוין היינט א מכובד'דיגער אברך - פירט אויס דעם מגי"ש, קען איך ר׳ אלימלך'ן נישט גענוג דאנקען אויף יענע נסיעה קיין קרית טאהש. "מען דארף אנמערקן, אז דער תלמיד הישיבה האט גארנישט געהאט מיט ר׳ אלימלך'ן", און ער איז מדגיש, "איבערהויפט נישט מיט טאהש" דאך האט ער זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט אים צו העלפן, ווייל דאס איז געווען זיין מאטא זיין גאנץ לעבן.



א עוליכע געשיכטע האט פארציילט א תלמיד הישיבה פון אייראפע: בשעת'ן לערנען אין ישיבה, זייענדיג א שטיקל "איבער-חכם", האט זיך כסדר געמאכט אז מען זאל אים קנס'נען על דא ועל הא. די הנהלה האט געהאט שטארקע טענות אויף אים, איבערהויפט אויף זיין התנהגות, ביז זיי האבן שוין באשלאסן עד כאן, און זיך גענצליך געגרייט אים צו פארשיקן פון ישיבה. "מיין מצב איז געווען ביטער" פארציילט ער ווייטער, "עס האט נישט געהאלפן קיין פודינו ומצילינו" עד שבא ר' אלימלך וואס איך האב געפינען ביי אים א אוזן קשבת ווי ער האט זיך געזארגט פאר מיין וואוילזיין, און געשתדל'ט מען זאל מיר צוריקלאזן אין ישיבה.

א אינטערעסאנטן עפיזאד פארציילט א עד ראיה וואס האט מיטגעהאלטן דעם הלוך ילך בבית רבינו: אמאל איז אריינגעקומען א רוף, וואו דער אויף די אנדערע זייט ליניע האט געבעטן מען זאל אים מזכיר זיין ביים רבין להצלחה בפרנסה. גייענדיג טיפער אריין אין יענעם בפרטיות פרעגנדיג שמו ושם אמו האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז נאכנישט פארהייראט. "דו האסט וויכטיגערס צו בעטן ווי פרנסה!" האט ר' אלימלך אים אויפגעפאדערט, אנשטאט פרנסה שרייב איך אריין א ברכה לזיווג הגון "די צווייטע בקשה וועט זיין א ברכה אויף יראת שמים.

דו האסט שיעורי תורה?" האט ר' אלימלך זיך ווייטער פאראינטערעסירט, און אזוי האט ער געשפינט א צוואנציג מינוטיגע שמועס מיט הדרכה אין תורה און יראת שמים. "וואס האסטו געזען אין אים, אז דו פירסט אזא לאנגע שמועס מיט אים?" האבן זיך א אנווועזנדער אינטערעסירט?

"ווי נאר איך האב געענטפערט די ריף האב איך געזעהן אז איך האב דא צו טוהן מיט א איד וואס ווייסט נישט מימינו ומשמאלו בעניני יהדות, האב איך אים בלויז געוואלט אויפמערקזאם מאכן אז עס זענען דא וויכטיגערע זאכן אין לעבן ווי געלט, האט ער אים בתום ליבו געענטפערט.

## ואיננו כי לקח אותו אלוקים – די ביטערע פטירה

אום י"ב תשרי תש"ס, נאכן זיך צוריקקערן פון א שליחות הקודש פארן רבי'ן זי"ע, נאך זייענדיג אינעם עירפארט אין מאנטריאל, האט זיין גוט הארץ פלוצלונג אויפגעהערט צו קלאפן. דאס הארץ וואס האט אזויפיל געלייסטעט פאר אידישע קינדער און אריינגענומען אין זיך צרות ישראל, האט שוין נישט געקענט דורכטראגן דעם שווערן דרוק און איז צוזאמגעפאלן דארט אויפן פלאץ, צוריקגעבנדיג זיין נשמה צום כסא הכבוד, אלט זייענדיג בלויז פיר און פערציג יאר.

די אויפציטערנדיגע בשורה איבער די פלוצלונדיגע פטירה האט אויפגעשטורעמט די יהדות החרדית, הונדערטער אידן האבן באוויינט די ביטערע בשורה איבער'ן פטירה פונעם רך הלבב ואיש החסד.

ווי נאר די בשורה איז אנגעקומען צו די אויערן פון רביה"ק זי"ע, האט ער זיך נאכגעפרעגט ווי אלט ר' אלימלך איז געווען. ווען ער האט געהערט אז ער איז אלט געווען בלויז פיר און פערציג יאר, האט ער זיך אנגערופן: "זאגט נישט אזוי, ווייל רבי אלימלך האט משלים געווען לילות כימים, און לויט דעם חשבון איז ער אנגעקומען צו איבער די גבורות, אכט און אכציג יאר לכל הפחות".

די גרויסע לויה האט צוריסן פילע הערצער פון אנשי שלומינו, וואס האבן באגלייט ר' אלימלך צו זיין לעצטער וועג און אייביגער רוה. מיט צובראכענע און ערשיטערטע הערצער האבן זיי באגלייט די מיטה, ובראשם דער הייליגער רבי וואס איז געגאנגען בראש המלווים, און מיט א קול נהי ומספד בבכי תמרורים באוויינט די גרויסע אבידה. צווישן אנדערע האט דער רבי געזאגט: "דער הייליגער ר' מרדכי'לע מנדבורנה, ווען ער האט באוויינט זיין רעביצין פאר איר מיטה, האט ער געזאגט פאר די נפטרת, 'אויף יעדן פלאץ וואו דו וועסט ארויפגיין מעלה מעלה, אויב מען וועט דיר נישט אריינלאזן, זאלסטו זאגן ווערמענס רביצין דו ביסט, און מען וועט דיר עס נאכגעבן'".

דער רבי האט געהייסן מען זאל אים ווייזן דעם נוסח המציבה פארן עס אויפקריצן. ווען מען האט אים דערציילט אז ר' אלימלך האט באפוילן בתורת צוואה אז מען זאל נישט שרייבן קיין שום טיטלען, האט דער רבי געזאגט: "דאס זאלט איר זיכער שרייבן, אז ער האט מיר משמש געווען באמונה; דאס איז נישט בתורת שבח, נאר א פשוטע מציאות הדברים." דערביי האט דער רבי געהייסן שרייבן אז ער האט איבערגעלאזט דורות ישרים ומבורכים, זרע ברך ה'.

אט דאס איז דער פונקטליכער נוסח המציבה:

פ"נ

**א'**בינו רועינו, מאור עינינו, מחמד נפשינו עטרת ראשינו
**ל'**בינו דוי על גודל שברינו, רבות אנחותינו מי ינחמינו
**י'**ד ימינו של **כ"ק רבינו הקוה"ט [שליט"א]** נלכד בעונינו
**מ'**סר נפשו לשרתו ובמסי"נ השליך חייו הוי כי ניטלה פארינו
**ל'**ילה ויום לא שבת מלשמשו, וקיבל בספ"י דופקי שער רבינו
**כ'**ל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה' לדאבונינו
ה"ה **הרה"ח מוה"ר אלימלך ע"ה** ב"ר חיים [שליט"א] קליין
משב"ק ויד ימינו של הוד **כ"ק רבינו הקוה"ט [שליט"א]**
שמשו בקודש בלב ונפש ובמסירה נאמנה
קרוב לשלשים שנה, כולם שווים לטובה.
שבק לן חיים בפתע פתאום במיטב שנותיו, בן מ"ד שנה,
לדאבון לב משפחתו וכל ידידיו ומכיריו, ביום י"ב תשרי תש"ס לפ"ק.
השאיר אחריו דורות ישרים ומבורכים, זרע ברך ה'.
לא נכתבו תוארים עפ"י צוואתו.
שם אמו: איידל חיה

## יהא זכרו ברוך!

בריוון און
מעסעדזשעס פון
אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו

# מאנ"ש לאנ"ש

## יישר כח עסקנים

שטייענדיג נאך די געהויבענע יו"ט סוכות, ובפרט די צווייטע טעג יו"ט וואס איך האב געהאט די זכיה מיטצוהאלטן בצל הקודש, וויל איך אויסדרוקן א געוואלדיגע דאנק און הכרת הטוב פאר די געטרייע עסקנים וגבאי ביהמ"ד הגדול, פאר'ן אהערשטעלן שוין צום דריטן יאר אזא מייסטערהאפטיגע סדר ביי די הקפות, וואס האט אריינגעברענגט א פנים חדשות, און היבש פארלייכטערט די שטארקע געדרענג ביים ציבור הגדול, וועלכע פרעסן זיך צונויף אינעם היכל ביהמ"ד הגדול, ביי די געהויבענע הקפות.

במשך די הקפות האט זיך שטארק דערקענט אז דא ליגט כוחות עצומות, וואס מען האט אריינגעלייגט וואכן פריער, די געטרייע עסקנים האבן געארבעט און געטוען וואס מען קען צו פארגרינגערן און פארבעסערן מיטצוהאלטן די הייליגע הקפות. סיי צו קענען זען און מיטהאלטן, ווי אויך צו קענען האלטן א ספר תורה און זיך פרייען בשמחת התורה בריקודין של שמחה.

ס'איז זיכער אז די געוואלדיגע זכות פון מהנה זיין אזויפיל אידן, וועט זיי בייזשטיין, און די זכות שמחת התורה זאל זיי ברענגען אלע ברכות הכתובים בתורה.

י. ה. וויליאמסבורג

## בגלל אבות תושיע בנים

ווי דער ציבור האט געהאט די זכיה מיטצוהאלטן בצל הקודש, ווי רבינו שליט"א - געגוי אזוי ווי די פארגאנגענע יארן, טוט פראוווענען א עקסטערע עבודה נשגבה במקום קודש הקדשים, ביים פלאץ וואו דער הייליגער רבי זי"ע פלעגט דאוווענען און אפרעכטן זיין איבערמענטשליכע עבודת הקודש.

אזוי שטייענדיג אויף די פארענטשעס און צוקוקנדיג די הייליגע מחזה, איז מיר אדורכגעלאפן אין קאפ די באקאנטע זוהר הק' אויפ'ן פסוק ישמח ישראל בעושיו, אז דער אויבערשטער שיקט אראפ די צדיקים פונעם עולם העליון, זיך מיטצופרייען מיט די שמחה פון זייערע קינדער. און צדיקים האבן צוגעלייגט אז שמחת תורה ווען אידן אויף די וועלט פרייען זיך מיט די תורה, שיקט מען אראפ פון הימל די אבות הקדושים און צדיקים זיי זאלן זיך קומען מיטפרייען.

דאס ברענגט א שטארקע מקור און סמוכין, אפצורעכטן די הקפות אויף דעם הייליגן מקום, אין א צייט ווען די הייליגע רבי'ס נשמה קומט ווידער אראפ בעולם הזה, מיטצוהאלטן די הקפות פון זיין הייליגע עדה קדושה, בראשות בנו ממלא מקומו בקודש. און געוויס איז דאס א גאר גרויסע זמן מסוגל זיך מזכיר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן, אין א צייט ווען ער קומט ווידער אראפ צו מקומו הקדוש, וואו ער פלעגט אפרעכטן די הימלישע עבודה אזויפיל יארן בעולם הזה.

זאל מען האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס!

ש.ב. קרית טאהש

## רצונינו לראות את מלכינו

איך וויל ארויסברענגען מיינע טיפע געפילן נאכ'ן ליידער נישט זוכה זיין מיטצוהאלטן די הייליגע הקפות און צווייטע טעג בצל הקודש. צוליב די שטארקע מאנגל אין דירות און אכסניות פאר געסט, וואס הערשט אין די לעצטערע יארן אין שטעטל, און מיט וואס א יאר שפעטער, ווערט די מאנגל גרעסער.

יעדער ווייסט אז דער צאל דירות אין שטעטל איז נישט אזוי גרויס, און דער פארלאנג פאר אכסניות ווערט נאר גרעסער און גרעסער. פארט איז אבער זייער ווייטאגליך ווען מען קען נישט מיטהאלטן דעם יו"ט בלויז צוליב דעם וואס עס איז נישטא קיין אכסניא צו געפינען.

מען זעהט ווי די געטרייע עסקנים פרובירן ווי ווייט מעגליך צו טון דאס בעסטע וואס זיי קענען, איך וואלט אבער שטארק געוואלט בעטן יעדן איינעם, צו טראכטן אינאיינעם און איבערגעבן פאר די עסקנים נאך געדאנקען וואס מען קען טוען און וועלכע לעזונג מען קען אויפקומען, אז דער ציבור הגדול וואס לעכצן מיטצוהאלטן די געהויבענע צווייטע טעג

## איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
**פאסט**
11 VAN BUREN DR. #205
MONROE, NY 10950

שיקט א
**פעקס**
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
**קול איחוד**
718.451.8674 #841

וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.

בצל הקודש, זאלן קענען טרעפן גרינגער א אכסניא, און זיך ווארעמען בצל אילנא דחיי.

א גרויסן יישר כח

ה.ב.ש.

## יישר כח פארן דערמאנען

צווישן די טויזנטער אנ"ש וואס געניסן אזוי שטארק פון די נייע איבערגעפרישע גליון באור החיים, וויל איך זיך אויך באדאנקען פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס מען לייגט אריין, אהערצושטעלן אזויפיל תוכן און אינהאלט פאר אנשי שלומינו.

עקסטער האב איך זייער שטארק הנאה געהאט פון א בריוו וואס איר האט ארייגעשטעלט, ווי דער שרייבער דערמאנט דעם ציבור די בענקעדיגע געפילן יעדעס יאר מוצאי שמחת תורה, און ער דערמאנט באצייטנס תיכף ראש השנה, אויסצונוצן די הייליגע זמנים און זיך אנשעפן דערמיט.

ס'איז עכט געווען א דבר בעתו, און עס האט מיר באגלייט די גאנצע חודש תשרי, ווען פאר די אויגן איז מיר געשטאנען די ווערטער אז מען דארף אריינכאפן און זיך מיטנעמען וואס מען האט יעצט, ווייל די טעג גייען שנעל אדורך און אט האלט מען שוין ביי שמחת תורה.

צום היי-יעריגן נעילת החג טיש בין איך שוין צוגעגאנגען גאנץ אנדערש. כ'האב נאר געקענט באשטיין צו טרעפן דעם שרייבער פון די בריוו ביים טיש, און זיך פרעזענליך באדאנקען... די התבוננות איז געווען זייער ריכטיג און וויכטיג.

## בנוגע די קינדער פארענטשעס בצל הקודש

לכבוד המערכת החשוב, ביטע אריינשטעלן מיינע שורות:

אלס איינער וואס האט די זכיה ארויסצוהעלפן ביי די קינדער פארענטשעס בצל הקודש במשך די ימים טובים, וויל איך ארויסברענגען א נקודה, עלטערן זאלן פארשטיין אז דער ציל פון די פארענטשעס, איז צו האלטן די קינדער צוזאמען, זיי זאלן זיין אונטער א השגחה, און מיטהאלטן די הייליגע מאורעות בצל הקודש. עס גייט אריין אין דעם כח, צייט, און געלט, אנצופירן און באגלייטן אלעס, מיט מתנה'לעך און גורלות, אז די קינדער זאלן הנאה האבן און מיטהאלטן.

דעריבער איז נישט מער ווי פארשטענדליך אז אויב זעונען אייערע קינדער נישט אויף די פארענטשעס, איז נישט יושר און ריכטיג צו קומען בעטן מען זאל זיי אויך געבן די ממתקים און מתנות, זיכער נישט ווען עס גייט אויף די חשבון פון קינדער וואס האבן זיך יא אנגעשטרענגט און געשטאנען שיין א גאנצע צייט אויף די פארענטשעס. און פארשטייט זיך אז כדאי יא צו מעודד זיין די קינדער זיך צוזשטעלן צוזאמען מיט אלע קינדער, און מיטהאלטן די פראגראמען מיט א דרך ארץ.

ביים עפל טיש היי-יאר האב איך אפילו געהאט איינער וואס איז געקומען מלא טענות, ווייל מען האט אים געזאגט אז מען געבט קודם פאר די קינדער וואס שטייען שיין א גאנצע צייט אויף די פארענטשעס. עס איז נישט אייביג דא גענוג פאר יעדן און די קינדער וואס שטעלן זיך צו האבן זיכער א דין קדימה.

ביטע דאס אננעמען מיט פארשטענדעניש.

ידידכם יצחק שמואל שווארץ, קרית יואל

### עבודת הלוי

**סימן ה'**

(א) פעמים רבות עורר ענין זה לאנשים שהרגיש שאינם נזהרים לטבול במקוה בכל יום.

הרבה פעמים כשהיו באים לפניו אנשים שציפו להיפקד בדבר ישועה ורחמים, והרגיש שאינם טובלים במקוה בכל יום, אמר להם שיקבלו על עצמם לטבול במקוה בכל יום, ויוושעו בעזר ה', ואכן ברכת צדיק לא חזרה ריקם, ורבים ראו נפלאות בזה.

בהיותו בארה"ק (בשנת תשל"א) היה מרבה לעורר את לב הכלי קודש, מלמדים שוחטים וסופרים וכדו', **להיזהר בטבילה בכל יום ויום** (אף שהיה קשה להם הדבר, בהיות שלא היה אז כל כך מצוי מקוואות סמוכים לבתי מדרשות) **פעם אמר, כיצד אפשר להיות דבוק בצדיק, על ידי המקוה שטובלים ומכוונים להתקשר לצדיק** (ועיין כעין זה בספר דגל מחנה אפרים פרשת פנחס ד"ה וזה).

### בארות הלוי

**סימן ה**

**[א]** ידוע שהבעש"ט הרעיש עולמות על טבילה במקוה, שיהיו בני ישראל נזהרים בטבילה במקוה בכל יום, והוא עצמו מסר נפשו על הדבר הזה, ובכל יום מימות החורף בקע את הקרח כדי לטבול בנהר וכו' (שיח"ק ח"ג עמ' שא, שיח"ק ח"ג עמ' יח, שיח"ק ח"ג עמ' יח).

המגיד הק' סבל כאבים ברגלו השמאלית, וזה היה מונעו מלהתמיד בטבילה במקוה, ואמר עליו רבו הבעש"ט הק', כי אילו היה יכול להתמיד במקוואות, היה פועל להביא הרהורי תשובה בכל העולם עד שהיה מביא בזה את הגאולה השלימה.

מזה עלינו ללמוד, גודל הענין של טבילה במקוה, שאפשר להכניס על ידי זה הרהורי תשובה בלבות בני ישראל, ולהביא בזה תיקון לכל העולם. והבעש"ט הק' אמר על עצמו, שזכה לכל מדרגותיו מפני שהיה רגיל בטבילה במקוה בכל עת. ואמר, כי פעל אצל השי"ת, שהטובל במקוה בכל יום, יחשוב לו הטבילה כמו תענית, כי המקוה מביא טהרה לאדם כמו התענית.

המשך בשבוע הבא

ניייעס, באריכטן, און
אנטוויקלונגען, אינערהאלב

# קהילותינו הקדושים

צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

ישיבה קטנה אור החיים:

# הערליכער איבערגעבויטער מקוה מפוארה אין בנין הישיבה #14 ברענגט פרישע רחבות פאר אנשי שלומינו

## מקוה איז שוין אין פולן באנוץ און וועט געניצט ווערן במשך דעם יאר פאר די תלמידי הישיבה קטנה

און א גאר קאסטבארער פראיעקט האט די הנהלת הקהילה אונטערגענומען א פרישע איניציאטיוו צו רענאווירן די אלטע מקוה אין בנין הישיבה #14 לתועלת הציבור. א הערליכע ארבעט איז אריינגעלייגט געווארן איבערצוארבעטן די בורות והיכל המקוה בתכלית השלימות, א פראיעקט וואס האט אפגעקאסט הונדערטער טויזנטער דאלארן.

די מקוה שטייט איצט כלול בהידורו, כולו אומר חידוש, מיט א הערליכן בוה, עטליכע שויערס, פרישע האנטוכער און נאך פילצאליגע איינריכטונגען.

די מקוה איז שוין אין איר אקטיוון באנוץ, און איז אפן ערבי שבתות פארן ציבור צו לינדערן דעם ביז איצטיגן שווערן געדרענג. און ספעציעל יעצט אין די ימים טובים סעזאן איז דאס געווען א שטארקע הילף פאר די הונדערטער געסט בצל הקודש.

לויטן פלאן וועט די מקוה זיין מיוחד דורכאויס די וואך פאר די "תלמידי ישיבה קטנה", און ערבי שבתות וועט עס זיין אפן פארן גאנצן קהל הקודש.

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין!

תלמוד תורה עבודת משולם פייש ד'טאהש - בארא פארק:

# תלמוד תורה ציט זיך אריבער צו א הערליכע נייע לאקאציע נאכצוקומען דעם אויסטערלישן

# וואוקס קע"ה

מוסדותינו הק' "עבודת משולם פייש" אין בארא פארק, וואס האט אין איר קורצע צייט זינט איר גרינדונג שוין קונה שם געווען און זיך איינגעקויפט א גוטן נאמען ביי אנשי שלומינו תושבי בארא פארק, גרייט זיך אצינד אריבערצוציען צו א הערליכע נייע לאקאציע נאכצוקומען דעם אויסטערלישן וואוקס כ"י.

די נייע לאקאציע געפינט זיך אויף די שטאקן העכער דעם בנין בית מדרשינו אויף 14'טע עוועניו, און מען האט עס אויסגעשטאט מיט באזונדערע קלאסן און א גרויסן שפיל-ארט פאר די צאן קדשים. דער בנין איז אדורך פולשטענדיגע רענאוואציעס איר אויסצורושן אויף דעם נייע לערן יאר פאר די טייערע תלמידים, וואס צוזאמען מיט די מורא'דיגע הרחבה וועט דאס אי"ה נאך מער צוגעבן להצלחת המוסד.

ויסעו מרפידים ויחנו במדבר סיני.

צהלי ורוני יושבת מאנטרעאל!

# כי עתה הרחיב ה' לנו:

קהילתינו הקדושה אין מאנטריאל באקומט "גרינעם ליכט" צו גיין ווייטער מיט'ן הרחבת גבולי הקדושה - מען ריקט זיך פאראויס מיט א שנעלן טעמפא - עסקנים ארבעטן העפטיג אויף די לעצטערע פאקטישע פלענער אנצוהייבן די בוי-ארבעט קומענדיגן ווינטער בסייעתא דשמיא

בית מדרשינו אויף זשין-מענס סט. טראגט א היסטארישע געוויכט ביי אנשי שלומינו, זייענדיג דער סאמע ערשטער בית המדרש "על יסודות אבנים" וואס רביה"ק זי"ע האט מייסד געווען - ממנו יסד וממנו פינה. די עלטסטער בית המדרש  על אדמת אמעריקע צו טראגן דעם הייליגן נאמען "טאהש". די הייליגע תפילות און שיעורי תורה וואס קומען דארטן פאר, שוין איבער א יובל יארן לשם ולתפארת, און טוט דינען אלס תל תלפיות פאר אנשי שלומינו תושבי מאנטריאל, גייט אט אט אריין אין "גרעסערע שיך" מיט'ן פלאן צו פארטריפלען דעם בית המדרש פון איר ביז-איצטיגער גרויסקייט, להגדיל תורה ולהאדירה.

פאר אנשי שלומינו תושבי מאנטריאל האט דער "צר לי המקום" באקומען נייע באדייטן אין די לעצטע עטליכע יאר, ווען עס זענען נתרבה געווארן ספסלי בית המדרש בכמות ובאיכות. די קהילה האט זיך ב"ה צעוואקסן ימה וקדמה מיט פרישע יונגעלייט, מתפללי בית מדרשינו, וואס דאס האט געפירט דערצו אז דער בית המדרש איז געווארן גאר ענג און האט געפאדערט א באלדיגע הרחבה.

דעם לעצטן יאר צייט האבן די עסקנים זיך אריינגעלייגט בעובי הקורה מיט ארכיטעקטן און פארשידענע פלענער, צו ארבעטן מיט די אינסטאנצן צו זען וויאזוי אויסצופירן די זאך מכח אל הפועל.

די ארבעט איז געווען גאר א שווערע, און עס איז וויכטיג אונטערצושטרייכן די ביוראקראטיע מטעם די לאקאלע רעגירונג וואס האט אפגעהאלטן די מלאכת הבנייה פאר א לענגערע צייט. די עסקנים ואישי הציבור וואס שטייען אין פארבינדונג מיט בית כ"ק **מרן רבינו שליט"א**, תחת דגלו והדרכתו ועל פיו ישק כל דבר, האבן בהתייעצות פונעם רבי'ן געוואונען א נייע פראנט, און איינגעשפאנט די גרעסטע עסקנים און בעלי קשרים עס צושטאנד צו ברענגען.

די לעצטע עטליכע וואכן בעפאר יו"ט זענען געווען גאר קריטישע פאר די הצלחה פונעם פראיעקט, און מען האט איינגעשפאנט דעם ציבור הקודש, וועלכע קוקן ארויס אויף די הצלחת הענין, מתפלל צו זיין אין די הייליגע טעג "ובעד עמך רחמים שאלי".

ברוך הטוב והמטיב! די פריידיגע נייעס האט געשיקט שאק-כוואליעס, און ערשטוינט אפילו די לאנגיעריגע עסקנים, ווען מוצאי ראש השנה איז געקומען די פאזיטיווע אנטווארט פון סיטי האל, געבנדיג די גרינע ליכט פאראויסצוגיין מיט אלע פלענער. מיט דעם האט מען דורכגעבראכן איינס פון די גרעסטע מיילשטיינער אויפן וועג צו ערהאלטן די ענדגילטיגע פערמיטן, כדי צו קענען פאקטיש אנהייבן מיט די מלאכת הבנייה בשעה טובה ומצלחת.

מען ארבעט יעצט מיט דעזיינערס און אישי הציבור אויסצושטעלן די בית מדרש בתכלית היופי, גאלאפירנדיג מיט א אימפעט צו קענען וואס פריער אנהייבן מיט די פאקטישע בוי פלענער.

אנשי שלומינו זענען ווייטער מתפלל אז די נאכפאלגנדע פראצעדורן זאלן גיין כשורה ביזן ערהאלטן די פאקטישע פערמיטן און גומר זיין די מלאכת הבנייה בסייעתא דשמיא.

ובכן תן כבוד ה' לעמך, תהלה ליראיך, ותקוה טובה לדורשיך.

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ▪ וקול שמחה ▪ קול חתן ▪ וקול כלה

בשיר וקול תודה נברך לאלוקינו, על כל הטוב והחסד שגמלנו,
וליום שמחת לבבינו הגיענו, כה יוסיף ה' לנו, בל יעזוב חסדו מאותנו.
הננו מתכבדים בזה להזמין את כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**צבי יוסף** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**רבקה יכט** תחי'

שתתקיים בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר "ואתם פרו ורבו" (נח)
אור ליום ד' חשון תשפ"ג לפ"ק הבעל"ט (ולמס' Oct. 14)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם עטרת מלכה
5 Y. D. Goldberger Drive, Monroe, New York

נשמח מאוד לקבל פניכם בשמחה רבה לברך ולהתברך
ומה' הטוב, יבואו הטוב, שמחה ונחת לרוב, עליכם ועל דורותיכם.

| הורי החתן | הורי החתן |
|---|---|
| אפרים אליעזר שטרול וב"ב | אברהם יושע בינער וב"ב |
| גרינוויל יד"ו | קרית יואל יד"ו |

---

פ

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**נטע מנחם הלוי** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**פיגא** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "פרו ורבו ומלאו את הארץ" (נח)
ד' חשון שנת תשפ"ז לפ"ק הבעל"ט
ולמספרם Oct. 15
קבלת פנים בשעה 5:00 והחופה בשעה 5:45 **בדיוק**
באולם בית צירל
251 Rue Beth-Halevy, Boisbriand, Quebec
ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| חיים יואל הלוי פרידמאן וב"ב | עזרא שמעון ישראל נייהויזער וב"ב |
| ברוקלין יצ"ו | קרית טאהש יצ"ו |

---

ע

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי"ש **יעקב** נ"י עב"ג הכלה הבתולה המהוללה **ריידל פעסיל** תחי'

שתתקיים למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת בעזהשי"ת
ביום א' לסדר "פרו ורבו ומלאו את הארץ" (נח)
ל' תשרי תשפ"ג לפ"ק הבעל"ט ולמספרם (Oct 11, 2026)

**באולם פרדס פיגא**
243 Keap Street, Brooklyn, NY

קבלת פנים בשעה 5:15 החופה בעזה"י בשעה 6:00

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבינו גם אנו
ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| בנימין שרגא פייבל מארמעלשטיין וב"ב | יעקב יחזקי' גרינבוים וב"ב |

---

ש

בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לבא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתו"ש
כמר **שמעון** ני"ו
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מרת **שפרה ליבא** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום רביעי פרשת נח - לסדר פרו ורבו
אור ליום ד' חשון תשפ"ז הבעל"ט – ולמספ׳ [illegible]
קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30
באולם בית צירל
[illegible]
ואי"ה ביום שמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| יחיאל שטרן וב"ב | משה אהרן (ארי) ניימאן וב"ב |
| בית שמש יע"א | בן הרה"ח ר' שלום עזריאל ז"ל<br>קרית טאהש יצ"ו |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

המחותנים

אריינצוליגן אייער
הזמנה ביטע רופט
אריין צום מערכת
**718.451.8674**
**עקסטענטשן 840**

דער אור החיים הק' מיט דיר!
לרגל התחלת אור החיים איז ערמעגליכט געווארן דראסטישע ביליגע פרייזן
סעט גדול
מיט פירוש אידיש
$260
סעט כיס
מיט פירוש אידיש
$205
$97
דער קשר הייבט זיך אן יעצט
באשטעלט אייער סעט היינט!
845.678.8968
וואו אימער דו ביסט
מכון תורת אור החיים

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע
בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו
עט"ר שליט"א

## זונטאג פר' ברכה א' – ערב יוה"ק

יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, מיט קדושה און התרוממות איז פאררייבער די הייליגע טאג יום הקדוש בצל הקודש.

ערב יום הקדוש באשמורת הבוקר איז דער רבי אריינגעקומען צו סליחות בהיכל ביהמ"ד הגדול, און צוגעגאנגען צום עמוד. דערנאך איז דער רבי ארויסגעקומען אויפן גאס נעבן חדר הפרטי בבנין ביהמ"ד הגדול, און מקיים געווען די מנהג כפרות.

**הר"ר אשר לעזמיל פעלבערבוים שליט"א** שו"ב דקריתינו הק' האט גע'שחט'ן די כפרה, ווען פארן שחט'ן האט דער רבי בודק געווען די מעסער. דער רבי האט געמאכט די ברכה און געמאכט כיסוי הדם, און באצאלט פארן שוחט און פאר די עוזרים ומסייעים.

דערנאך האט מען געדאווענט תפילת שחרית, ווען צום עמוד איז צוגעגאנגען **מוה"ר חיים נחום מערמעלשטיין הי"ו**.

עס האבן געגרופן **כ"ק אדמו"ר מ'תולדות אהרן שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'וויזניץ מאנטריאל שליט"א**, און **הגאון הגדול דומ"ץ דקהלתינו הק' בארא פארק שליט"א** לברך ולהתברך ביים רבי'ן לשנה טובה ומבורכת.

מיטאג צייט איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש, וואו עס איז סערווירט געווארן א סעודה פאר אלע אורחים החשובים, מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד ערב יום הקדוש, און דער רבי האט פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים, און געוואונטשן לחיים.

ביי די דב"ק האט דער רבי דערציילט בתוך דבה"ק די מעשה פונעם חייט, און די מעשה פונעם הייליגן זיידן הסב"ק זי"ע מיטן תמימות'דיגן יוד וואס האט געזאגט 'מעשה דחיים', און דערביי האט דער רבי מעורר געווען זכותים און ממליץ טוב געווען אויף כלל ישראל, אויספירענדיג בברכת גמר חתימה טובה.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו** פון קרית יואל. שיר המעלות **הב' דניאל וויינבערגער נ"י**.

נאכמיטאג איז דער רבי אריינגעקומען צו תפילת מנחה בהיכל ביהמ"ד הגדול, צום עמוד איז צוגעגאנגען **הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א** מנהל חברת תהלים. נאך מנחה האט דער רבי געצינדן די יום כיפור ליכט, די יזכור ליכט, און דער נר תמיד לע"נ רבינו הקדוש זי"ע, און דערנאך ארויס צום ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זיעועכ"י לאמירת ספר תהלים, און צינדן ליכט.

## ליל יום הקדוש

א שעה און א האלב נאכן זמן איז דער רבי אריינגעקומען בהיכל ביהמ"ד הגדול, מעוטף מיט די ווייסע קיטל, די בעקיטשע פונעם הייליגן אפטא רב זי"ע, און מיט די קאפל און גארטל פון רבינו הקדוש זי"ע, און תיכף ארויף אויפן ארון הקודש, אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע כל נדרי דרשה, און מעורר געווען די הערצער פונעם גאנצן ציבור צו תשובה און תיקון המעשים.

נאך די דב"ק האט דער רבי ארויסגענומען די הייליגע ספר תורה, מיט וועלכע רביה"ק זי"ע האט געפראוועט זיין הייליגע עבודה, דער רבי האט א לענגערע צייט פארגעזאגט 'אור זרוע' און ארום געגאנגען דעם היכל ביהמ"ד הגדול, ווי יעדער האט געהאט די זכי' צו קישן די ספר תורה. דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צום עמוד, און פארגעזאגט כל נדרי מיט א פלאם פייער, ווען ביי די צוויי זייטן זענען געשטאנען **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, והרה"ג נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א**.

במשכ'ן דאווענען ביינאכט און בייטאג זענען מכובד געווארן מיט פתיחות הארון, צווישן אנדערע ביינאכט: **הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, הרה"ג ר' ישכר דוב מאירוביץ שליט"א, הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א, הרה"ח ר' יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו, הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א, הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, הרה"ח ר' שמואל שבתי חסן הי"ו, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א, הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א, הרה"ח ר' יעקב עמרם אסבאג הי"ו, הרה"ח ר' חיים אלעזר דייטש הי"ו, הרה"ח ר' ליפא פישער הי"ו**.

נאך תפילת מעריב, תהלים און אדון עולם זענען מכובד געווארן מיט שירי היחוד: **כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א**, **הרה"צ רבי יצחק אייזיק פיש שליט"א**, **הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש שליט"א**, **הרה"ג רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א** חדב"ן מו"ץ, **הרה"ג רבי אלעזר דוד קאהן שליט"א** מו"ץ, **הרה"ג רבי יואל ראזענבערגער שליט"א**, **הרה"ג רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א** חדב"ן.

נאכן דאווענען זענען געבליבן אין ביהמ"ד א שיינער ציבור בראשות רבינו שליט"א מיטצוהאלטן די משניות מסכת יומא פארגעלערנט דורך **כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א**.

## יום הקדוש

מיט עטליכע שעות שפעטער בשעה 5:00 פארטאג'ס איז דער רבי אריינגעקומען אין ביהמ"ד הגדול, און פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד.

בשעה 7:45 האט מען זיך געשטעלט דאווענען, **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א** האט אנגעהויבן מיט אנעים זמירות, און דערנאך געזינגען אדון עולם, און געזאגט ברכות השחר, דערנאך האט דער רבי געזאגט די ברכות.

פסוקי דזמרה האט געדאווענט **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, צו שחרית איז צוגעגאנגען **הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א**.

די עליות האבן זיך פארקויפט פאר פאנטאסטישע סכומים, די עליות עולה געווען: כהן **הב' שמעון בן הרב נחמן כהנא שליט"א** נכד רביה"ק זי"ע תלמיד ישיבה גדולה, לוי **מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו**, שלישי **הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א** פון קרית יואל, רביעי **אב"ד קלוזש שליט"א**, חמישי **הרה"ח ר' שמואל שבי חסן הי"ו** פון מאנטריאל, ששי **הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א**, פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט א מי שברך לחולי ישראל, דער רבי האט עולה געווען מפטיר, דערנאך האט דער רבי געמאכט א מי שברך פאר אלע תומכי מוסדותינו הק'. הגבהות וגלילות **מוה"ר צבי ברוך הי"ו** פון טאראנטא, **מוה"ר יעקב סימאן הי"ו** פון טאראנטא.

נאך יזכור איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת מוסף, ס'איז געווען א שטארקע התעוררות ווען דער רבי האט פארגעדאווענט די עבודה פונעם כהן הגדול מיט א השתפכות הנפש.

נאכן דוכנ'ען האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה, **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א** איז צוגעגאנגען צום עמוד, די עליות האבן עולה געווען: כהן **הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א** חדב"ן, לוי **הרה"ח ר' יעקב שמואל סגל קרויס הי"ו**, שלישי - מפטיר יונה **מוה"ר שלום יואל עהרענפעלד הי"ו**, הגבה **כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א**, גלילה העסקן הדגול **מו"ה אשר אנשיל בערגער הי"ו** יו"ר האיחוד.



פאר נעילה איז געווען א קורצע הפסקה, דערנאך איז דער רבי צוגעגאנגען צו תפילת נעילה, און געדאווענט מיט גרויס התעוררות, די גאנצע בית המדרש האט געפלאקערט מיטן פתח לנו שער בעת נעילת שער כי פנה יום. די פתיחת הארון צו נעילה איז געקויפט געווארן פאר רבינו שליט"א פאר א סכום הגון דורך **הרבני הנגיד ר' נפתלי צבי ברוך לאנדאוי הי"ו** פון וומסב"ג, בשותפות מיט **הרבני הנגיד ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א**, און דער רבי האט זיי אנגעוואונטשן ווארימע ברכות לרוב.

מעריב האט געדאווענט פארן עמוד **הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א**, תיכף נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה אין ביהמ"ד הגדול, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן **הרה"ח ר' וואלף ברוין הי"ו** פון מאנטריאל, די הבדלה האט געהאלטן **הרה"ח ר' שמעון סג"ל קרויס הי"ו** פון קרית יואל.

## מוצאי יום הקדוש

מוצאי יום הקדוש ארום 9:30 איז דער רבי אריינגעקומען צום געהויבענעם שלחן הטהור בהיכל הטישן.

די טיש איז אריבער גאר דערהויבן, די מקהלת המנגנים דחצרות קדשינו האבן אנגעפירט מיט די לעבעדיגע שירה וזמרה, דער רבי האט זיך במשכן טיש עטליכע מאל אויפגעשטעלט טאנצן.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען **הרב ר' יעקב יחזקי' גרינבוים שליט"א** פון וומסב"ג, שיר המעלות **הב' אהרן שלתיאל וויינבערגער נ"ו** פון פלעטבוש. נאכן טיש האט דער רבי געוואונטשן א גוט קוויטל, און די געסט האבן זיך געזעגנט ביים רבי'ן.

ויום טוב הי' עושה בצאתו בשלום מן הקודש. מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

## דינסטאג פר' ברכה א'

נאכמיטאג האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי די לוי' פון **הרב החסיד מוה"ר אלי' שפיטצער ז"ל**, פארנט פון זיין שטוב און מיטגעהאלטן די הספדים, און ארויסבאגלייט אין פעלד ביז נאך די לוי'.

דערנאך איז פארגעקומען די ברית מילה פון בן הנולד צו **מוה"ר משה יצחק הערשקאוויטש הי"ו** חבר הנהלת המוסדות, חתן **הרה"ח ר' אלי' שפיצער** ז"ל, אין שטוב פון די אלמנה שתחי', דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און עס איבערגעגעבן פאר **הרב ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א**, און אמירת הברכות פאר **הרב ר' מרדכי ארי' שפיטצער שליט"א**, ויקרא שמו בישראל אליהו.

דערנאך האט דער רבי געבענטשט די קינד און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די אלמנה שתחי' און די קינדער הי"ו.

ביי די זמני כניסה נאך מנחה מעריב זענען אריין אל הקודש פנימה תלמידי מכינה לישיבה אינאיינעם מיט די מנהלים ומגידי שיעורים שליט"א, נאכדעם וואס זיי האבן זיך פארהערט מס' קידושין ביי **הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א**, עס איז פארגעקומען א מעמד ווי מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש דברי חיזוק, דערנאך האט דער רבי פארטיילט א סעט אור החיים הקדוש פאר אלע תלמידים.

## מיטוואך פר' ברכה א'

נאכמיטאג האט דער רבי מנחם אבל געווען ביי משפחת שפיטצער, ווי עס האט זיך אנטוויקלט א שיינע שמועס פון ר' אלי' ז"ל פון די בראשית יארן, דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען די גאנצע משפחה און אנגעוואונטשן ברכות לרוב. דער רבי איז דערנאך צוגעגאנגען צו די עזרת נשים און געטרייסט די אלמנה שתחי' און די קינדער הי"ו.

שפעטער האט זיך דער רבי משתתף געווען ביי די סעודת השלושים פון האשה החשובה והישישה **מרת וויינבערגער ע"ה**, אשת **הרה"ח ר' הערש לייב ע"ה**, אין שטוב פון חתנה **הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו**, דער רבי האט דארט געדאווענט מנחה, און דערנאך געמאכט א לחיים און געזאגט דברי זכרון והתחזקות.

ביינאכט איז דער רבי ארויס צום ציון פון רבינו הקדוש זי"ע לאמירת תהלים, אזוי אויך איז דער רבי צוגעגאנגען מיט א מנין צו די מציבה פון האשה החשובה **מרת דבורה ב"ר מנחם וייס ע"ה**, אשת **הרה"ח ר' מרדכי ע"ה**, וועלכע האט נישט איבערגעלאזט קיין זש"ק, געזאגט א ספר תהלים, געלערנט משניות און געזאגט קדיש.

## עש"ק פר' ברכה – ערב סוכות

אינדערפרי איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן **מוה"ר אהרן יחזקי' קריצלער הי"ו**, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג איז פארגעקומען ביי רבינו שליט"א די אפשערן פון בן **מוה"ר חיים יודא גראד הי"ו**, ווי דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

נאכמיטאג האט רבינו שליט"א באזיכט ביי **הרה"ח ר' ישראל הערש מערמעלשטיין שליט"א**, און ביי אלמנת **הרה"ח ר' אליעזר עהרענפעלד ע"ה** אין שטוב, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.